5, יאר „פריינט פון יידיש לשון"

גרויסע פייערונג צום פינף יאריקן יובילוי פון פריינט פון יידיש לשון

שבת-צונאכט 8 פעברואר —::— ארבעטער רינג לאקאל

6.30 אונט **גרויסער באנקעט** עלי סט. 1.א

(אפגעלייגט פון 31 יאנואר)

**רעדעס! רעציטאציעס! געזאנג! און ... בילעטן?**

די סוף־חודש זונטיקס פון „פריינט פון יידיש לשון" ביים „בן־אורי"

**זונטיק דעם 29 פעברואר 8 אונט**

געווידמעט דאס שאפן פון

**שלום אש**

בן-אורי קונסט גאלעריע 14 פארטמען סט. וו.1

עס וועלן זיך באטייליקן: משה עובד, אליהו פאלושאק, דארא דימאנט, י. ביעטש, אסתרל זילבערבערג און אנדערע.

איינלייטונג: א. נ. שטענצל

**מזל טוב צו מר. און מרס. הערדי מייער**

צו דער פארלאבונג פון זייער טאכטער יהודית

א הארציקן מזל טוב צו פריינט **הערדי מייער**, רעדאקטאר פון די „צייט" און צו זיין זער חשובער פרוי, **בערטא מייער** צו דער פאלאבונג פון זייער ליעבע טאכטער **יהודית** — צו — **רעדזשינאלד כהן**, בס.ב.

אויך די באבע פון דער כלה, **מרס. רחל מייער** ווינטשן מיר א הארציקן מזל טוב צו די תנאים פון איר ערשטן אייניקל.

רעדאקציע „לשון און לעבן"

**דער פלאץ איז רעזערווירט פאר י. ביעטש.**

אונזער פריינט און מיטארבעטער פון פריינט פון יידיש לשון, באקאנטן **חזן רעוו. פנחס פיינגענבלום** צום אויפגענומען ווערן אלס חזן אין דער גרויסער ווילדסן שוהל, ווינטשן מיר גרויס דערפאלג.

קאמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יארגאנג — פעברואר 1948 לאנדאן — **נומער 2** (העפט 97)

## צום בלוטיקן געראנגל יעצט אין ארץ ישראל

מען וועט שוין מוזן מוחל זיין אזא „גלות-ייד" ווי איך בין, — וועלכער גלויבט טאקע מיט אלע יידן צוזאמען אינם „ואף על פי שיתמהמה אחכה לו בכל יום שיבא"; און נאך איבערציינגנדיקער ווי דער רעליגעז־פילאזאפישער טעקסט ווירקט אויף אים איצט דער ניגון וואס האט זיך באשאפן, צו דעם מיימאנידישן „אני־מאמין"־פאראגראף אין די קרעמאטאריום־קעמפס.—ווען ער וועט ווארענען די פירער פון די יידישע סאציאליסטן נישט צו געברויכן אצינד זייערע גרויסע ווינסשאפט־ווערטער וועגן פאשיסטיש־נאציסטיש ראמאנטישע פאלעסטינע אוואנטורעס א.א.וו.

פאר מיר, — א פראסטן גלות־ייד, א „רך־לב". ווען דאס הארץ ווערט שוואך שוין הערנדיק בלויז פונם אנגייענדיק בלוטיקן קאמף, — איז קודם כל דער געראנגל יעצט אין ארץ ישראל, — נאך פאר דער גרויסער גאולה, יא, אז מיר זאלן זי ווערט זיין בכלל, — דער ערשטער רעאקציע-אויסדרוק פון אונזער גאנצן פאלק, איבער די פערגאנגענע געשעענישן, איבער דער חרפה וואס מ'האט אונז אנגעטון און די ברענענדיקע בלוטיקע יסורים.

דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז געווען דער אומטיטלבארער העראאישער אויסדרוק פון די ליידנדיקע גופא, פון די קדושים גופא.

משטיינסגעזאגט, וואסער רעאקציע האט דאס יידישע פאלק, ווי אן אייני־הייט, ארויסגעוויזן נאכדעם ווי מ'האט א דריטל פונם פאלק,—און דוקא דעם חשובסטן און בעסטן! — פארטיליקט אויף אזא ברוטאלן און מיתה־משונה־דיקן אופן? איך ווייס באמת נישט צי אונזערע „אל מלא רחמים'ס" (וואס דאס מאכן מיר דווקא יא מיט דער פולער האנט, ווייל ס'איז מסתמא אויך א שטיקל „ביזנעס" פאר שולן און אפילו...) שטייט אין א פיל גרעסערן יחס צום אומגעהויערן געשעעניש, ווי דער „דזשענטלמעניש" ושעסט פונם אויפ־שטעלן זיך דעמאלט פונם ענגלישן פארלאמענט, ווי א צייכן פון מיטגעפיל...

אז עס קומט א גרוים אומגליק איבער א יחיד מוז דאך געשען מיט אים א פיזישע ענדערונג, און אויב ער באקומט נישט דעם שלאג אויף דער שטעל, אדער געווירט פון זינען, מוז ער דאך לכל הפחות גרוי ווערן איבער נאכט, אדער א פוס זאל אים אנהויבן ספאזמאטיש צו צאפלען, צי כאטש א לעפל איבער אויגן זאל אים נעמען ציטערן, עפעס וואס א ווייטיקע זאך מוז דאך געשען מיט אים, מיט דעם קערפער וואס ליידט דאס גרויסע אומגליק, א רעאקציע אינם בלוט־לויף, א וועלכער נישט איז סימפטאם, א פיזישער, מוז

דאך געשען מיט אים, נשט נאר א סענטימענטאל „געריירט ווערן" ווי א זייטיקער, וואס דריקט פרעמד אוים זיין מיטלייד פון טיפן הארצן...

מיר מוזן דאך צוגעבן אז ביז יעצט האט דאס יידישע פאלק ווי א לעבעדיקע איינהייט, ווי א גאנצקייט, גאר ניט באוויזן אזוינס, וואס זאל זיין אין פאראלעל, צי צומאל אין בלאסן איינקלאנג צו דעם געשעענעם! די אלע אפילס, אויפן נאמען פון די קדושים, ווי זיי זאלן זיך נישט קיין נעמען געבן, זיינע זיי תמיד נאר אומגווירדיק און דערנידריקט — די גרויסע „תציל־ממות"־פושקע מיט וועלכער מ'וויל רק באשיצן דאס אייגענע ביסל לעבן. —

און דאס אלץ אנגעשריבענע און געדיכטעטע פאר דעם הייליקן זכרון פון די קדושים זיינען סוף כל סוף נישט פון א טיפערן כאראקטער ווי מיטלייד אויסדריקן און קאנדאלענציעס, אמת, א סך עכט־דערפילט, פון טיפן ערלעכן הארצן, אבער נישט ווייניקער שרייערישערע מיט פעטע שווארצע ראמען....

דאס אבער וואס ס'געשעט אצינד אין ארץ־ישראל, דער בלוטיקער געראנגל דארט אויף לעבן און טויט, איז שוין א פיזישער, א לייבהאפטיקער רעאקציע־אויסדרוק פון אונזער ברמיך־חיי, דער ספאזמאטישער קראמף פון אלע אונזערע גלידער — פון אונזערע אברים מדולדלים! דאס ווארעמע צוקן פון אונזערע אויגן־לעפלעך. דאס גאנצע פאלק דערפילט עס, פון די בלוט־יונגע אונזערער ביז צו די גרוי־בערדיקע זקנים.

און ווייסט דען דער חולה־מסוכן זיין הויכן בלוט־דרוק צוריקפירן, פארשטייט ער דעם סימפטאם פון זיין שנעלן בלוט־לויף, אזוי דער געראנגל יעצט אין ארץ־ישראל! די סאברעס, די „בנענים" דארט, וואס האבן געלאבט פון די „גלות ידונים" * (ושיראנעם בלע"ז), ווי בלוט פון אונזער בלוט און פלייש פון אונזער פלייש, צאפלען זיי איצט מיט אין דעם ספאזמאטישן קראמף פון אונזער באליידיקטן גוף און געשענדעטע נשמה; אומבאוווסט געשעט א בלוט־רעאקציע, עס דויערט אפנים, ביז עס דערקלייבט זיך צום הארץ — — —

יא, דאס וואס ס'געשעט אצינד אין ארץ־ישראל איז מער נאך אפשר ווי גאולה, עס איז הכשרת הגאולה — עס איז דער כריתת ברית פון אונזער פאלק, די לייבהאפטיקע פארברידערונג, די וואונדערלעכע פארבינדונג פון אלע אונזערע פארוואונדיקטע טיילן.

---

* און אזוי שמייען זיי נאך יעצט צו די יידן אין זייערע גייסטיקע שאפונגען מחוץ־לארץ — עס איז מסתמא די זעלבע באציאונג צו „גלות" פון ארוין־וויסנשאפטלעכן העברעאישן ניווא פון אט דער כנענים־סעקטע, פונקט ווי דער רייך מארקסיסטישע באציאונג פון מאנכע סאציאליסטישע פירער צום ישוב אין ארץ־ישראל, — דאס שטיקעלע ערד, וואס תמיד נאך אלע בלוטיקע, היסטארישע שחיטות איבער אונז, ווערט עס ווידער אנגעזאפט און מעוברתדיק מיט אונזערע אייביקע היסטארישע הבטחות, און אונזער בלוט־לויף נעמט ווידער קרייזן אין אלע אונזערע גלידער, אין די פארהארטעוועטסטע טיילן, צומאל, אין די לעדערדיק־אויסגעגערבטע און די בלינדע „הינער־אויגן", אפילו, אין אזא צייט ווי יעצט מוז מען שוין זיין מער ווייט־זעעוודיקער, ווי פארטייאיש־פארהארטעוועט....„ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי"....



און אין דעם קאמף איצט אין ארץ ישראל קאנען מיר נאר נישט פארלירן, מ'קאן זיך נאר אליין צוריקגעפינען, איין שבט דעם צווייטן די הערצער געווינען. זאלן נאר די פאליטישע פירער שטיין אויף דער מאראלישער מדרגה פון די קעמפענדיקע יוגנד (באוואוסטערהייט איז טיילמאל א סך שווערע צו שטיין פארן אפענעם תהום — אומבאוואוסט נישט וויסנדיק, אז מ'שטייט פארן אפענעם תהום האט מען נישט דעם שווינדל פאר די אויגן...) איז דער אנהויב פון א יידישער מלוכה אויך א געזיכערטער, ווארום עס זיינען נישט נאר די הונדערטער העלדן, וואס פאלן יעצט אויף דער הייליקער ארץ־ישראל־ערד — די מיליאנען קדושים, פאר זייער געראנגל אין די גאז־קאמערן און קרעמאטאריומס, מוזן די פעלקער פון דער וועלט זיכערן באטש דאס שטיקעלע נצחון, ווען נישט זיינען זיי אליין פאראורטיילט אונטערצוגיין, און נישט נאר מאראליש.

דער איצטיקער אומבאוואוסטער רעאקציע־אויסדרוק, אויף דער הייליקער ארץ־ישראל־ערד איז דער בלוטיקער געראנגל פאר א נעאייניקט באנייטן און אינערלעך־באוואוסטן כוח, א ווידער־אויפלעבונג פונם פארוואונדיקטן און פארשעמטן גוף פון ישראל סבא און דאס איז א סך מער נאך, ווי אן אייגענע געזיכערטע מלוכה. ווארים אן אייגענע מדינה איז אויך נאר אן אינסטרומענט, כדי דאס אויבערשטע צו דערגרייכן.

## דער שווארצער פארהאנג איבער דער יידישער בינע

עס פארשטייט זיך פאר די יעניקע, וואס דער „אייזערנער פארהאנג" איז אויך א שארפע מחיצה צווישן דעם שבט יידן, וועלכע וואוינען אין סאוויעט־רוסלאנד און די יידן אין די אנדערע ישובים, איז די ידיעה, אז פראפעסאר שלמה מיכאעלס איז געשטארבן, אדורכגעגאנגען שטיל פארשוויגן: געשטארבן דארטן אן „עקטער" פון יידישן טעאטער און פטור אן עסק... און וואס הייסט עס, ער איז געווען דער פארשטייער פונם סאוויעטישן יידנטום, אין דען פאראנען דארטן א יידנטום? פארענטפערט מען זיך יידישלעך מיט א פראגע אויף א פראגע.

אנדערש איז עס געוועזן דעמלט, ווען די באמבעס זיינען דא געפאלן איבער אונזערע קעפ און די איוב־בשורות פון אונזערע שטעט און שטעטלעך! ווי א דערלייזער איז ער דעמלט אנגעקומען צו אונז (צוזאמען מיט איציק פעפער צו לאנגע יארן) מיט זיין גלויביקער שליחות און פייערדיקן ווארט; דער גרויסער גאסט איז ער דעמלט געוועזן פונם גאנצן לאנדאנער יידנטום, דאס גאנצע ביסל יידישקייט האט אויפגעברויזט, אפילו דאס בעל־הביתיש־רעליגיעזע מיטן טשיף־ראביי ע"ה בראש, און מיט פראפעסאר בראָדעצקי, צו לאנגע יארן.

אפנים, אז מיטן יידישן גלייכווערטל: „ווי עס קריסטלט זיך אזוי יידלט זיך", איז לגמרי נישט צו שפאסן, אפילו נאך איצט נישט, ווען מיר האלטן שוין אט־אט ביי אן אייגענער יידישער מלוכה.

פאַר אונז, אָבער, פאַר וועמען יידישע קולטור־טוער און זייערע שאַפער זיינען די מסיבא קדושה פון יידישן פאָלק, איז מיטן טויט פון פּראָפעסאָר שלמה מיכאָעלס, דעם גרעסטן יידישן אַקטיאָר און טעאַטראַל פון אונזער דור, געפאַלן דער שוואַרצער פאָרהאַנג איבער דער יידישער בינע.

עס איז געווען דאָס מאָסקווער יידישער קונסט־טעאַטער, וואָס האָט געמאַכט אויפקוקן די וועלט צו אונזער יידישער קונסט און זי צו באַוואונדערן, עס איז געווען די קאָנסטרוקטיווע הארטע פאָרעם וואָס איז געוואָרן מיטן יידישן פאָלקסטימלעכקייט, אַזוי עלאַסטיש ווייך און ממש ליריש, — די יידישע אייגנאַרטיקייט וואָס די וועלט האָט באַוואונדערט! — עס איז געווען דער גרויסער אַקטיאָר, שלמה מיכאָעלס, וואָס האָט זיך מיט זיין יידישלעכן לייב און לעבן איינגעשפּאַנט אין דער מאָדערנער פאָרעם דעמלט, און דער גרויסער מאָלער מאַרק שאַגאַל, צו לאַנגע יאָר, דער דעקאָראַציע מאָלער פון מאָסקווער יידישן קונסט טעאַטער, וואָס האָט זיך געשפּאַנט מיט זיינע לייוונטן איבער די וויטעבסקער דעכער, ביז קיין פּאַריז, ביז קיין ניו־יאָרק, איבער דער גאַנצער וועלט — — —

עס האָט די וועלט געמוזט אַרויפקוקן צו אונז, — אויפהויבן די אויגן און אַרויפקוקן צו אַ מין פאָרעם אויפצאַפּל, ווען אַזעלכע צוויי געניאַלע יידן האָבן זיך ביי אונז אַנטפּלעקט. —

דאָס רוסישע יידנטום אויף דער העכסטער שטופע פון זיין גייסטיקער און שאַפערישער דערגרייכונג, האָט געקאָנט אַרויסגעבן פון זיך אַזעלכע צוויי יידישליבע פאָרעם קינסטלער — שלמה מיכאָעלס, דעם לייבהאַפטיקן דאָן־קיכאָט פונם פערעקשטן מענדעלע סטיל, און מאַרק שאַגאַל, צו לאַנגע יאָר, דער איקאָניש־לירישער און קאַטאָוויש־אילומיניש שלום־עליכם׳דיקן אינם יידישן פאָלקלאָר. קאָסמיש־סאַטיריש און באַלאַדיש־בורלעסקיש איז די סצענישע און פאַרביקע באַוועגלעכקייט פון די צוויי קינסטלער־מפרשים פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור.

איך קען מיך נישט שטאַרק אויס אין וועלט־פּאָליטיק. נאָר שוין דעמלט, ווען איינער פון די רעדנער האָט אויף דער גרויסער מאַסן פאַרזאַמלונג געפאָדערט פון פּראָפעסאָר מיכאָעלס, אַז בשעת עס וועט קומען צום גרינעם טיש פון די פעלקער דער שמועס וועגן ארץ ישראל זאָל דאָס סאָוויעטישע יידנטום זיין אויף אונזער זייט — — — איך האָב מיכאָעלס שמייכל דעמלט געזען אויף זיינע כאַראַקטעריסטישע ליפּן! און אינם עקסטרע־„העפטל“ דעמלט אַרויסגעגעבן לכבוד מיכאָעלס, האָב איך דערנצמאָל באַמערקט, אומגעפער, אַז עס האַלט נאָך נישט אַזוי ווייט. אַז דאָס ענגלישע יידנטום זאָל בעטן ביים רוסישן יידנטום — אַז זיי זאָלן טון „טובות“ יידן! וואָס זיינען זיי דען נישט קיין יידן?....

און איך האָב מיך נאַרישט טועה געווען: אַלע סאָוויעטישע פעלקער זיינען געווען אויף אונזער זייט, ווען מיר האָבן נויטיק געהאַט זייער שטימען ביי דער יונאָ — — — —



און וואו איז ס׳ענגלישע יידנטום געווען, אַז ס׳זאָל פועלן ביי דער ענגלישער מלוכה, אַז זי זאָל זיין אויף אונזער זייט?... איך ברענג נאָר דעם לעצטן זאַץ פאַר אַ נמשל אויף יענער קאָזאַצקער מעשה פון „מיינע יידן און דיינע יידן“ ווייל פאַר אונז יידן, — אפילו אין דער פּאָליטיק! — וואָס בנוגע פון איין שבט און אַנדערן בכל מקום שהם, טאָר נישט זיין קיין רעיון אַז צווישן זיי איז פאַראַן אַן „אייזערנער פאָרהאַנג“.

איך וויל אַלץ איבערשפּרינגען און נאָך גאַנץ אויף גיך דערציילן פון אַ טרער וואָס איך האָב געזען אין מיכאָעלס אויג, נישט אויף דער בינע, נאָר דווקא אונטער די קוליסן.

ביים סוף פון אַ שמועס האָב איך געזאָגט צו אים: איר ווייסט נאָרנישט ווי ליב מיר האָבן דאָס סאָוועטישע יידנטום, זאָגט זיי דאָס, ווייל ס׳איז נויטיק, אַז זיי זאָלן עס וויסן, ווייל מיר האָבן אויך נויטיק זייער ליבשאַפט. ער האָט מער גאָר נישט געזאָגט נאָר מיך אָנגעקוקט און אַ טרער האָט געהאַנגען אויף זיין שאַרף דורכדרינגענדיקן בליק.

דער גרויסער אַקטיאָר שלמה מיכאָעלס געהערט נישט צו יענע אַקטיאָרן וואָס האָבן נויטיק געהאַט טעאַטער־טרערן צו זייער שפּילן — ער האָט געשפּילט מיט יעדן טראָפּן פון זיין בלוט! אָבער אַלס ייד, ווי אַ פירער פון אַ גרויסן יידישן ישוב, האָט ער געוואוסט צו באַהיטן וואָרעם די יידישע טרער אין זיין אויג —

„זאָל אויך די טרער פאַלן אינם בעכער“.

---

**דאָראַ דימאַנט**

## שלמה מיכאָעלס דער ייד

ס׳איז געווען אין ווינטער פונעם יאָר 1936 אין מאָסקווע. אינעם יאָר, אין וועלכן דער נאָמען ייד אין אייראָפּע איז געווען אידענטיש מיט רעכטלאָזיקייט און אומווירדע, און דאָס טרויעריקסטע פון אַלעם: מיט ברודער־פאַרראַט. און נישט נאָר אין דייטשלאַנד, זאָל עס זיי אַלעמען צו קיין גנאי נישט זיין, נישט נאָר אין דייטשלאַנד, גאַנץ מערב־אייראָפּע האָט פאַרקאַטשעט די פאָלעס און זיך מיטגעלאָזט אין ראָד אַריין. ערשט ביי דער סאָוויעטישער גרעניץ האָט זיך די וואַקכאַנאַליע געמוזט אָפּשטעלן, נישט געהאַט קיין ווייזע אַריבערצוגיין. ביי דער סאָוויעטישער גרעניץ האָט אייך אַלס יידן נאָר געקאָנט פּאַסירן, אַז איר זאָלט ווערן אָפּגעשייגעצט פון אַ סאָוויעטישן גרעניץ־באַאַמטן מיט אַן: „אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין“. אויף פּראָסט יידיש, אויב איז אייך איינגעפאַלן אים אָנצובעטן אַ מתנה אָדער געלט. אַז ער זאָל צודריקן אַן אויג ביי דער רעוויזיע.

אַט אין דעם ווינטער, דעם אָנהויב פונעם גרויסן מערב־אייראָפּעאישן באַנקראָט און קולטור־אונטערגאַנג, בין איך געקומען קיין מאָסקווע. און ווייל איך בין געקומען פון בערלין, וואָס איז זייט צענדליקער יאָרן געווען באַקאַנט ווי אַ וויכטיקער טעאַטער צענטער, האָבן מיינע מאָסקווער פריינט פאַרגעשלאָגן, מיך צונעמען אין יידישן מלוכה־טעאַטער. דאָרט איז דאַמאָלס געגאַנגען שעקספּירס „קעניג ליר“, אינסצענירט פון מיכאָעלסן, און מיט מיכאָעלסן אַלס קעניג ליר.

וועגן דער דאָזיקער אויפפירונג זענען זייט דער צייט געוואָרן אָנגעשריבן גאַנצע בענדער. זי איז געוואָרן באַזונגען און באַשריבן אין די טעאַטער כראָניקן פון גאָר דער וועלט. איך וועל זיך דעריבער דאָ ניט פאַרנעמען וועגן איר צו דערציילן. וואָס עס איז ווייניק, אָדער כמעט גאָרנישט געוואָרן דערציילט, — דאָס איז די באַציאונג פון דער גאַנצער מאָסקווער באַפעלקערונג צו דעם ענין, וואָס רופט זיך „יידיש מלוכה טעאַטער“, און בעיקר צו דעם פונדאַמענט זיינעם, צו פּראָפעסאָר שלמה מיכאָעלס.

פּרואווט, אויב איר קענט, זיך פאַרצושטעלן די געשעעניש, וואָס איך גיי יעצט באַשרייבן מיט אַ מענטשן ווי איך, אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד, פון די נירעמבערגער געזעצן — ווי בלאָס און אומשולדיק דאָס קוקט יעצט אויס, פון דעם, וואָס עס איז שפּעטער געקומען האָט מען נאָך דאַמאָלס, אין די אָפּגרונדיקסטע קאָשמאַרעס נישט געקאָנט חלומען — מיר פאָרן אַהין, קומען אַרויס פון דער מעטראָ, גייען צו צום טעאַטער. אַנטקעגנאיבער, אויף דער אַנדערער זייט גאַס, וואַקסט אויס אַ גרויסע געביידע הויך אויבן גרויסע באַלויכטענע יידישע אותיות: „יידיש מלוכה־טעאַטער“. און אַביסל אַראָפּצו, אַביסל קלענערע רוסישע אותיות: „יעווריעיסקי גאָסודאַרסטוועני טעאַטר“. איך שטיי און קוק, קאָן ניט באַנעמען. דאָס איז דאָס די שטאָט, דאָס איז דאָס לאַנד, פון וועלכן די בעסטע מענטשן זיינע, האָבן צענדליקער יאָרן עולה רגל געווען אַהין קיין מערב־אייראָפּע, דאָרטן אין זייערע טעמפּלען צו לערנען די תורות פון מענטשלעכקייט, ליבט און שיינקייט? די טעמפּלען דאָרט יעצט אַזוי בזוי ונבזה און דאָ: „יידיש מלוכה־טעאַטער“!

אויפן פּלאַץ פאַרן טעאַטער מחנות, צו פיר אין אַ ריי אויסגעשטעלטע מענטשן, פון אַלע אָפּשטאַמונגען, נישט נאָר יידן, רעדנדיק, שרייבענדיק אויף אַלע לשונות. אנשים נשים וטף שטייען זיי שעהן לאַנג אין אַ מאָסקווער ווינטער־אויפדערנאַכט, אונטערטאַנצנדיק פון איין פוס אויפן צווייטן, וואַרטן זיי געדולדיק, אפשר וועט זיך זיי איינגעבן צו קויפן אַבילעט אין יידישן טעאַטער, צו דער יידישער אויפפירונג פונעם גרויסן ענגלענדערס דראַמע, „קעניג ליר“.

אויב קאָנט איר זיך דאָס גאַנצע, אַזוי אַרום און אַרום פאָרשטעלן, בין איך אייך מקנא אייער כוח הדמיון. איך בין ביזן היינטיקן טאָג נאָך נישט פערטיק געוואָרן דערמיט. נאָך אַלץ דאַכט זיך מיר ווי אין יענעם אויפדערנאַכט אין מאָסקווע, אַז דאָס איז אַלעס נאָר אַ חלום.



און די נשמה פון אָט דער גאַנצער, דרך־ארץ געביטנדיקער פּראַכט, איז דער ייד שלמה מיכאָעלס. דאָס טראָגט ער עס, געשטיצט פון אַ עדה חסידים, אויף זיינע פּלייצעס, דעם גאַנצן פאַרכישופטן בנין, מיט די לויכטענדיקע יידישע אותיות, וואָס מאַכן פריילעך און ליכטיק גאַנצע מיילן מאָסקווע.

צו זען מיכאָעלסן צווישן זיינע חברים, תלמידים און סתם מענטשן, האָט זיך אייך אויסגעדאַכט, אַז אַרום זיין קאָפּ פלאַטערן טויבן, אויסגעבריטע אין דער וואַרעמקייט פון ליבשאַפט, גלויבן און צוטרויען, פון אַלע די מענטשן אַרום, צו אים. סאיז נישט מעגלעך געווען מיכאָעלס נישט ליב צו האָבן. סאיז נישט מעגלעך געווען אים נישט אָוועקצושענקען אייער צוטרויען פון דער גאַנצער נשמה.

סאיז מן הסתם זער טרויעריק אַזעלכעס צו זאָגן. נאָר איך האָב ווירקלעך נישט געטראָפן קיין צווייטן לעבעדיקן מענטשן פון דעם דור, וואָס מיכאָעלס, מיט אַזאַ היים־קלאַפּעדיק יידיש והאַרץ, וואָס בלוטיקט אַזוי מיט מיט אונזער יעדן טראָפּן פאַרגאָסענעם בלוט.

ווער עס האָט בייגעווינט די פאַרזאַמלונג דאָ אין לאָנדאָן, ווי מיכאָעלס האָט דערציילט פון די מאָטיווירטע געשעענישן פון דער היים, וועט מיך פאַרשטיין. ווער וועט פאַרגעסן דעם ציטער מיט וועלכן ער האָט דערציילט, ווי די דייטשן האָבן געטאַנצט אויף ספרי תורות. און דאָס האָט עס אייך אַזוי דערציילט אַ מענטש, וואָס איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אויף מאַניעווערעס און שלאַכטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דאָרט, וואו אַסימילאַציע — דאָס צונויפגיסן זיך מיט דעם בלוט, וואָס מוז ווערן פאַרגאָסן אינם געמיינזאַמען קאַמף — איז כמעט ווי אַ נאַטירליכע זעלבסטפאַרשטענדליכקייט. ווייל ווער נאָך, אַזוי ווי אַ ייד, איז אַזוי גרייט זיך אַוועקצוגעבן מיט לייב און לעבן פאַר די, וואָס נעמען זיך אויפריכטיק אָן זיין קריוודע. באַגלייך מיט אַלעמענס קריוודע. און אָט שטייט פאַר אייך אַזאַ קעמפער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און רעדט מיט אַזאַ ציטערדיקער נאָנטקייט צו די האַרץ־אָדערן פון זיין אייגן פאָלק. אַזוי פילן, אַזוי פאַרקניפּט זיין, קאָן נאָר איינער ביי וועלכן דער היסטאָרישער זכרון, דער מענטשלעכער אור־אינסטינקט איז נאָך יונג און פריש. נאָר אַ מענטש, וואָס ציט נאָך זיין יניקה פון די וואָרצלען פון זיין שטאַם, און וואָס וואַקסט אָרגאַניש מיט צענדליקער דורות וואָקסטום.

שוין יאָרן, ווי איך פּלאָג זיך אַרום מיט דעם ענבערדיקן געדאַנק: נישט אַסימילאַציע?, יאָ אַסימילאַציע? זאָל עס איינמאָל נעמען אַ סוף! — און אַלס ענטפער וואַקסן פאַר מיר יעדן מאָל אויס די צוויי פאַרשוינען פון תהלים, דער איינער פון „אשרי האיש“ — און דער אַנדערער פון „לא כן הרשעים“. — דער ערשטער גראַד און פעסט, אויף צוויי פיס, ער קוקט אייך מיט אַ רוהיקן בליק אין די אויגן אַריין, איר ווייסט, אַז איר קאָנט זיך אויף אים פאַרלאָזן, אַלס טאַטע, אַלס מאַן, אַלס פריינט, אַלס פּאַרטיי־חבר. איר ווייסט, ער וועט נישט פאַרראַטן, ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרראַטן זיך אַליין. ער איז זיך און זיין וועלט געטריי. ער איז מיט נאַטורגעזעצלעכער

זעלבסטפאַרשטענדליכקייט באַהאַפטן, ווי אַ צווייג צו זיין שטאַם, בליט און וואַרימט זיך מיט אים אין די פרילינג־זונען, ציטערט און פרייט זיך מיט אים אין קעלטן און שטורעמס, און גייט אויף אין רויך מיט אים, ווען דער וואַלד ברענט. — דער צווייטער פאַרשוין, דער פון „לא כן הרשעים" שטעלט זיך אוועק פאַר מיר אויף איין פוס, ווי אַ באַטשאַן. ווייל מיט דעם אַנדערן פוס האָט ער אַרויסגעשפּאַנט פון זיין קרייז, זוכט און טאַפּט אין דער לופט, וואו אָנצושפּאַרן ערגעץ אין אַ פרעמדן קרייז. דער פרעמדער קרייז אָבער וויל נישט מאַכן קיין פּלאַץ פאַר אים, — בלייבט ער אַזוי שטיין אויף איין פוס, מיט דעם אַנדערן אין דער לופט. שאָקלט זיך פון אַ ליאַדע ווינטל, מיט אַזאַ פלאַכער וואַקלדיקייט, ווערט ביי אַ שטורם אַהין און אַהער געשמיסן, צווישן בושה און שרעק. אין די אויגן שטענדיק דער אומרואיקער פלאַטער פון אַ שולדיקן. שטענדיק אין איין שרעק, אַז אָט־אָט כאַפּט מען אים ביי דער האַנט ביי עפּעס אַ זינד, וואָס ער אַליין ווייסט נישט אין וואָס זי באַשטייט. אַ צער בעל חיים פאַר אייגן פלייש און בלוט, אַ געלעכטער פאַר לייטן. — ווען איך טראַכט פון מיכאַעלסן, זע איך שטענדיק פאַר מיינע אויגן דעם מענטשן פון „אשרי האיש". —

* „און אויב מיר האָבן אין יאָר 1948, אינם שרעקליכסטן האַלב־יאָרהונדערט אָנהייב פון אונזער עקזיסטענץ, אין אייראָפּע נאָך געהאַט צו פאַרלירן אַזאַ יידן, ווי שלמה מיכאַעלס, איז אפשר נאָך פאַראַן אַ טרייסט פאַר אונז. ווי פאַראָרעמט און פאַריתומט מיר זאָלן נישט זיין געוואָרן נאָך אַזאַ אומדערזעצבאַרן פאַרלוסט". יאָ, ווען מיר וואָלטן נאָר געקאָנט האָפן, אַז זיינע תלמידים און מיטאַרבעטער, וואָס האָבן מיט אַזאַ ליבע און פאַרערונג געהאַנגען אָן אים, וועלן געטריי בלייבן, און זיין טרייע ירושה אָפּהיטן, נישט חלילה פאַרטאַכליעווען! — אויב סטליעט נאָך אין אונז דאָ אַ פונק האָפענונג, נאָך אַמאָל צו קאָנען אויפבויען אַ קיום אין אייראָפּע, איז עס מיט אונזערע אייגן געווענט צום סאָוועטישן יידנטום. פון קיין אַנדער יידנטום אין אייראָפּע קאָן מען לעת עתה נישט רעדן.—

און מיר פרעגן מיט האַרצקלאַפּעניש: וואָס וועט זיין? וועלן זיי אונז נישט פאַרלאָזן? וועלן זיי האָבן דעם מוט, דעם כוח, דעם ווילן? אָן זייער מיכאַעלסן?

לאָמיר צוזאַמען נעמען אַלע רעשטלעך פון אונזער גלויבנס־כוחות און גלויבן, אַז זיי וועלן יאָ פאַרשטיין זייער פאַראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע, אַז זיי וועלן ווערט זיין די זכייה צו זיין די יורשים פון אַזאַ מלכותדיקער ירושה, וואָס מיכאַעלס האָט איבערגעלאָזט אויף זייערע הענט. און מיר וועלן זייערע נעמען פאַרבינדן מיט דעם נאָמען מיכאַעלס, און שטענדיק דערמאָנען מיט ליבשאַפט און דרך ארץ.

---

* פון אַן הזכרה־רעדע, וואָס אַ. נ. שטענצל האָט געהאַלטן אויף אונזער גרויסער הזכרה־פייערונג פאַר מיכאַעלסן. עס האָבן זיך נאָך באַטייליקט: משה עובד, י. כיעטש, אליהו פאָלושאַק, אייזיק גאָלדבערג, מאיר ניסענבוים און דאָראַ דימאַנט.



נ. מ. סידאָ

# דער גרויסער סוד פון געניאַליטעט

דער קינסטלערישער סימבאָל, וואָס ווערט אין דער קונסט טעאָריע באַצייכנט מיט דעם באַגריף „כאַראַקטער", שטעלט מיט זיך פאָר אַ *באַזונדערע און אויסערגעוויינלעכע* פיגור, וואָס איז אין לעבן אַ זייער זעלטענע דערשיינונג „אַן אויסנאַם". אָבער נאָר דער „כאַראַקטער", אויב ער ווערט געשאַפן פון אַ מייסטער, ברענגט אונז אַ סך אַ ברייטער, אַ סך אַ טיפער און מער אַרומנעמענדיקער סאָציאַל און אַלגעמיין מענטשלעך בילד, ווי דאָס קען אונז אָפּט ברענגען דער נייסטיקער פּרצוף פון דעם מער דורכשניטלעכן און מער אַלגעמיינעם קינסטלערישן סימבאָל, וואָס ווערט אין דער קונסט טעאָריע באַצייכנט מיט דעם באַגריף טיפּ.

אָט דער פּאַראַדאָקס אין דער קונסט, דער פּאַראַדאָקס, לויט וועלכן די אויסנאַם איז נישט נאָר וואָס זי באַשטעטיקט דאָס געזעץ, נאָר זי כאַראַקטעריזירט אויך די לעבנס־געזעצן מער ווי דאָס קען דאָס געזעצמעסיקע טאָן, אָט דער פּאַראַדאָקס ווערט קלאָר ווען מיר דערנענטערן זיך צו דער דאָזיקער *אויסנאַם* און הויבן אין איר אָן צו דערקענען די היימישע, כאָטשע זייער קאָנצענטרירטע און זייער שטאַרק אַקצענטירטע מענטשלעכע שוואַכקייטן און מענטשלעכע גייסטיקע כחות, מעלות און חסרונות א.א.וו.

אַ מייסטער פון אָט דעם סאָרט „כאַראַקטער" שילדערונג איז שעקספּיר. אָבער די ווייטסטע אַבסטראַקציעס וואָס מיר קענען ביז איצט אין דער ליטעראַטור, דאָס הייסט די אַמיינסטן אויסגעשיילטע און קאָנצענטרירטע, די אַמשטאַרקסטן אָפּגעטיילטע און אַקצענטירטע סימבאָלן פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די אַזוי גערופענע „דעמאָנען" (לוציפער, מעפיסטאָפל א.א.וו.)

ס'איז קלאָר, אַז דער „דעמאָן" איז זייער ווייט פון דעם לעבעדיקן מענטשן, אַזוי ווי מיר טרעפן אים, אַזוי ווי מיר באַגעגענען זיך מיט אים, זען אים. אָבער אין דער זעלבער צייט איז דער „דעמאָן" די קאָנצענטרירטע קווינט־עסענץ פון אַ קראַפט, וואָס איז אין אַ קליינער מאָס און אין פאַרשיידענע פאָרמען פאַראַן אין יעדן מענטשן אינדיווידועל: ער איז דער עקסטראַקט פון אַ סאָציאַלן כח, מיט וועלכן נישט נאָר איין עפּאָכע, נאָר די גאַנצע געשיכטע פון מענטשלעכן לעבן און שאַפן איז דורכגעוועבט און צעמענטירט.

די אידעע פון „דעמאָן", „לוציפער", „מעפיסטאָפל", די דרייסטע אידעע וואָס איז אַלס אַ קינסטלערישער סימבאָל געבוירן געוואָרן אין דער ראָמאַנטישער עפּאָכע, איז שטענדיק אַרויסגערוקט געוואָרן אַלס די פאַרקערפּערונג פונם געדאַנק און, דערפאַר אויך אַלס די שטאָלצע מאַכט פון פּראָטעסט, קריטיק און רעוואָלוציאָנערישקייט. דער „דעמאָן" איז אָבער געווען

בלויז צושטערנדיק און נישט בויענדיק, בלויז נעגאַטיוו און נישט פּאָזיטיוו.

אַלס דער גענגזאַץ פון דעם דעמאָן איז שטענדיק פאַרגעשטעלט געוואָרן דאָס „מלאך'אישע" דאָס „ריינע", דאָס „נאַאיווע", דאָס „גוטע", „אומשולדיקע" און „באַשיידענע" — דאָס ג ע פ י ל.

אין אַן אמת'ן זענען אָט די צוויי בלומרשט קעגנגעזעצטע סימבאָלן, צוויי זייטן פון איין מטבע, ווייל ווי, דאָס שפּריכוואָרט גייט: „גיב אַ קראַץ דעם ציניקער (דער דעמאָן איז דאָס אויסגעשפּראָכנסטע בילד פון ציניזם) שפּרינגט פון אים אַרויס אַ סענטימענטאַליסט" (די אומבאַהאָלפענע און נאַאיווע גוטקייט איז די פאַרקערפּערונג פון סענטימענטאַליטעט).

די גרויסע שרייבער האָבן אָפט געפילט, אַז די גאַנצקייט, די אייגנאַרטיקע, „זעלבסטשטענדיקע", שטאָלצע און „פרייע" קראַפט, וועלכע דער דעמאָן האָט מיט זיך געדאַרפט פאַרקערפּערן, האַלט נישט אויס דעם גרינגסטן פּרוּוו, ד.ה. אַז נישט נאָר רעלאַטיוו צו די באַזונדערע קאָנקרעטע דערשיינונגען און געשעענישן אין פּראַקטישן לעבן, נאָר אַפילו אין די ראַמען פון דער אַבסטראַקציע איז דער „דעמאָן" נישט קיין אויסגעהאַלטענער סימבאָל, ווייל ס'איז נישטאָ קיין טרוקענער, קאַלטער געדאַנק, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן אויסגעשיילט פון געפיל. געטע'ס פאַוסט זאָגט דערפאַר, אַז אין אים וואוינען צוויי מענטשן. מיר זעען פון פּושקינ'ס יעווגעני אַניעגין (יעווגעני אַניעגין שטעלט אויך מיט זיך פאָר דעם „דעמאָן" אידעאַל) אַז כאָטש דער דעמאָן איז אין זיין צייט געווען אַ פּראָגרעסיווער עלעמענט, האָבן די גרויסע קינסטלער געוואוסט אַז ער ציינט זיך אָפט אַרויס אַלס שוואַך און נעבעכדיק. זיי האָבן געפילט אַז אויף פאַרשידענע אופנים און אויף אומענדלעכע וועגן באַנקראָטירט דער דעמאָן אין לעבן און ס'זיגט אין אים דאָס געפיל אויפן חשבון פון געדאַנק. און וואָס פאַר אַ נישטיקע געפילן דאָס זיינען אָפט. וואָס פאַר אַ קליינלעכע און ענגע ליבעס... יעווגעני אַניעגין גייט אויף אַ דועל, כאָטש ער האַלט נישט פון קיין דועלן, ער דערהרג'עט זיין פריינט צוליב אַ פרוי, וועלכע ער האָט גאַרנישט ליב א.א.וו. ענלעכע שוואַכקייטן ווייזט אַרויס דער העלד פון „ציגאַניע" שוין אָפגערעדט פון דר. פאַוסט, א.א.וו.

וואָס דעם דעמאָן פעלט אַמיינסטן איז דערפאַר ניכער אַ גענוג שטאַרקער סאָציאַלער באַוואוסטזיין און גענוג טיפע סאָציאַלע געפילן. וואָס אים פעלט איז גרויסע, שטאַרקע, ליידנשאַפטלעכע מענטשן־ליבע.

דער פולער קעגנזאַץ פון דעם „דעמאָן" איז דערפאַר אין אַן אמת דער ז ש ע נ י, ווייל נאָר דער זשעני פאַרמאָגט אין זיך די פולע מאַכט פון פּראָטעסט און קריטיק, און איז דערביי נישט בלויז צושטערעריש, נאָר אויך שאַפנדיק. דער זשעני פאַראייניקט אין זיך שטענדיק אַ שטאַרקן סאָציאַלן ב אַ וו ו ס ט ז י י ן (געדאַנק) און טיפע סאָציאַלע געפילן. ער איז די האַרמאָנישע גאַנצקייט פון שטאָלצן געדאַנק און פון גרויסער און עכטער מענטשן־ליבע (ד.ה. פון אַ שטאַרקן געפיל). דערביי איז דאָס געפיל ביי אים נישט דער קעגנזאַץ פון געדאַנק. דאָס געפיל איז נישט די שוואַכקייט פון



דעם זשעני, נאָר דער כח, וואָס גורט אים אַן, דער סוד פון זיין שאַפן, דער סוד פון זיין קראַפט.

מיכאַעלס'ן וואָלט מען געקענט אָנרופן „דעמאָן", (מיט דער גאַנצער ראָמאַנטישקייט, וואָס איז אין אָט דער גאַנצער קאָנצעפּציע פאַראַן) ווען ער איז נישט קיין זשעני.

אָט די שטאָלצע, שטורמדיקע קראַפט, דער אומדערשראָקענער שווונג, דער פעסטער, ברייטער און זיכערער פאַרמעסט, וואָס האָט געשטראָמט פון אַלע קנייטשן אין זיין געזיכט און פון זיין גאַנצן שטעל, אָט די גייסטיקע קראַפט, וואָס מ'וואָלט אין דער ראָמאַנטישער עפּאָכע באַצייכנט אַלס „דעמאָניש" איז אין מיכאַעלס'ן דערגענצט געוואָרן מיט ברייטע סאָציאַלע געפילן און מיט אַ שטאַרקן סאָציאַלן באַוואוסטזיין.

זיין גרויסער האַס צו אַלעמען וואָס צעשטערט דעם אָביעקט פון זיין גרויסער און שטאַרקער ליבע, (דער אָביעקט פון זיין ליבע איז געווען דער פּראָגרעס, דער טריומף, די פרייד פון דער מענטשהייט און פון דעם בעסטן אין דער מענטשהייט) — אָט דער האַס איז אַזוי פאַלקאָמען, אַז אַ דעמאָן איז צו שוואַך דערצו; אָט די גאַנצקייט, אָט די זיכערקייט, אָט די מאַכט, וואָס גייט נאָר האַנט אין האַנט מיט אַ גרויסן סאָציאַלן אידעאַל, פאַרמאָגט בלויז דער זשעני. די זעלבע גאַנצקייט איז דער גרונט שטריך און גרונט־מאָטיוו פון מיכאַעלס'ן דעם מענטש און מיכאַעלס'ן דעם קינסטלער, מיט אַלע זיינע קינסטלערישע שאַפונגען. אַדאַנק די אויבן דערמאָנטע אייגנשאַפטן ווערט עס אַלץ מער און מער קלאָר ווי אַזוי עס איז געלונגען מיכאַעלס'ן צו דערהויבן דאָס „שטייגערישע" (אָפט אַפילו בלויז אינדיווידועל שטערבנדיקע) צו דעם געניאַלן, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס פּאָטענציעל פאַראַן אין דעם גאַנצן מענטשלעכן מין אַלס אַזעלכן. די דאָזיקע נייע, ביז איצט נאָך כמעט ווי אומבאַקאַנטע, העכערע קינסטלערישע אַבסטראַקציע איז מער ווי אַ שולע, מער ווי אַ ריכטונג. ס'איז אַ ברייטער טויער פאַר נייע, אומענדלעכע גייסטיקע פאַרבינדונגען, פאַר נייע אומענדלעכע מעגלעכקייטן אין דער קונסט.

סיי ווען מיכאַעלס האָט געשפּילט „קעניג ליר" סיי ווען ער האָט געשפּילט „שימעלע סאָראַקער, צי „בנימין", ווי פאַרשידנאַרטיק ס'זאָלן נישט זיין די געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס פון זיינע סימבאָלן, האָט ער זיי אַלע דערהויבן איבער די גרעניצן פון דעם דעמאָנישן צו דעם זשעניאַלן. ער האָט אַבסטראַהירט פון זיי יענע אייגנשאַפטן, וועלכע כאָטש זיי זענען זעלטן, זענען זיי אָבער אוניווערסאַלע מעגלעכקייטן.

און טאַקע דערפאַר וואָס זיינע קינסטלערישע סימבאָלן זענען אַזעלכע ווייטע קינסטלערישע אַבסטראַקציעס, מוזן זיי אין דעם פּראָצעס פון זייער אויפלעזן זיך (ווי מיר האָבן שוין געזאָגט) פון אַלע זייטיקע און צופעליקע פאַרבינדונגען, איבערגיין אין מוזיק. ווייל מוזיק איז די אַבסטראַקטסטע פאָרם פון קונסט, און זי פאַרנעמט אין דער קונסט אַ פּאָזיציע, וועלכע אַנט־

שפּעכט דער פּאָזיציע, וואָס די מאַטעמאַטיק פאַרנעמט אין דער וויסנשאַפט.

איינע פון די הויפּט אייגנשאַפטן פון דעם „רעמאָן" איז שטענדיק געווען „אָריגינאַליטעט". דער שפּעטערדיקער, שוין דעגענערירטער גלגול פון דעם „רעמאָן" איז דערפאַר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם קולט פון דער „אָריגינעלער אורשפּרינגלעכקייט", פון דער מיסטיש־אָריגינעלסטער „נאַטורנאָענטקייט" און „ור" „אָריגינעלער" „איבערמענטשערײ".

אויב דער „רעמאָן" אידעאַל איז אָבער רעלאַטיוו צו זיין צייט געווען אַ פּראָגרעסיווער כח אין דער געזעלשאַפט און האָט טאַקע דערפאַר מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הויכן קינסטלערישן ווערט, איז דער גראָב־יונגערישער קולט פון „אורשפּרונגלעכקייט" אַ צעפוילטע און דעגענערירטע ריכטונג פון אַנטי־וויסנשאַפטלעכע און אַנטי־סאָציאַלע פּראָזעלאָגישע דאָקטרינעס.

אַזוי הויבט אָן די „אָריגינאַליטעט" צוליב „אָריגינאַליטעט" זיך אויסצושעפּן און זי ווערט באַנאַל. (און ס'איז שוין איצט באמת נישטאָ קיין שום שוץ פאַר קיין שום נייעם געדאַנק, פאַר קיין שום אייגנאַרטיקער איידעע, פאַר קיין שום וואָרט, אַז ס'זאָל נישט אויסגענוצט ווערן; מ'זאָל עס נישט קענען פאַרשונדעווען און באַנאַליזירן).

עכטע אָריגינאַליטעט און אמתע אייגנאַרט, וואָס האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען און ענדערן און וואָס ווערט קיינמאָל נישט פטוכלע איז אָבער ד אָ ך  פּ אַ ר אַ ן, אָבער ווידערצמאָל, בלויז דאָרט וואו עס הערשט אַ שטאַרקער סאָציאַלער באַוואוסטזיין און אויפריכטיקע סאָציאַלע געפילן, ווייל אַט די אייגנשאַפטן אַנטוויקלען זיך אין פאַרבינדונג מיט די טיפסטע געזעלשאַפטלעכע נייטן און שטרעבונגען; און אַזוי ווי די געזעלשאַפטלעכע נייטן און שטרעבונגען זענען אַ שטראָם פון אומאויפהערלעכע באַוועגונגען און ענדערונגען, מוז די שאַפעריש סאָציאַלע פערזענלעכקייט האַלטן אין איין לערנען כדי זיך צו דערווערבן דעם אומענדלעכן סכום פון וויסן, וואָס ער מוז האָבן אויב ער וויל זיין נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט און תמיד זיין אָריגינעל, פריש און אייגנאַרטיק. דערפאַר איז טאַקע מיכאָעלס געווען תמיד דערפינדעריש, ניי, אמת, אָריגינעל און אייגנאַרטיק אין זיין רעזשי, אין זיין שפּילן, אין זיינע קונסט טעאָריעס און אין יעדן וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט.

אָריגינעל, — ווייל ער האָט געזוכט דעם קלאָרסטן אמת.

אייגנאַרטיק, — ווייל ער איז געווען אויפריכטיק, ערלעך און סאָציאַל.

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1



לעא קעניג

# פּראָפעסאָר מיכאָעלס

מיר האָבן אַלע געהערט פון מענטשן וואָס בלייבן אַנטוישט ווען אַ גליקלעכער צופאַל ברענגט זיי פּנים אל פּנים מיט די באַרימטהייטן וואָס זיי האָבן געקענט און פאַרערט נור פון זייערע ווערק און פון ווייטן:

איך ווייס ניט צו איך בין גערעכט נור איך האָב דעם איינדרוק אַז די „אַנטוישונגען" זאָגן עדות אויף אַ געוויסן פּראָווינציאַליזם און אויף אַ ניט־גרינטלעכער און ניט רעאַליסטישער באַקאַנטשאַפט מיט די ווערק און שאַפונגען פון די באַרימטע קינסטלער און פערזענליכקייטן:

כ'בין קיינמאָל, דאַכט זיך, נישט אַנטוישט געוואָרן מיט די פּאָר מער ווייניקער באַוואוסטע קינסטלער און שריפטשטעלער מיט וועלכע כ'האָב געהאַט די זכיה זיך צו באַגעגענען; פאַרקערט, איך האָב שטענדיק געהאַט דעם איינדרוק אַז מיט דעם פּערזענליכן קאָנטאַקט ווערט דערגאַנצט, אַזוי צו זאָגן, און פולער אונזער פאַרשטיין פון זייערע ווערק. עפּעס ווי דער לעבעדיקער קינסטלער אַליין וואָלט געווען די בעסטע אילוסטראַציע צו זיינע שאַפונגען... נאַטירלעך ווענדט זיך זער פיל אין אונזער פעיקייט צו קענען און זען מענטשן און מענטשליכקייט. בכלל.

און ניט נור בין איך קיינמאָל ניט אַנטוישט געוואָרן ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט אייניקע באַקאַנטע און אַפּאָר באַרימטע אַפילו קינסטלער און שריפטשטעלער. נור איך פלעג שטענדיק אַוועקגיין פון זיי מיט אַ געפיל פון צופרידנהייט אַז „זיי דאַרפן טאַקע אַזוי אויסזען... אַז זייער אויסזען, זייער רעדן און זייערע מאַנערן אַפילו שטימען אַזוי מיט דעם כאַראַקטער פון זייערע ווערק.... און ס'איז גוט וואָס איך האָב זיי געזען".

---

און באַזונדער צופרידן, געדענק איך, בין איך געווען ווען איך האָב זיך געטראָפן דאָ אין לאָנדאָן מיט פּראָפעסאָר מיכאָעלס, ווען ער איז צוזאַמען מיט פעפערן געקומען אַהער בשעת דער קריג אין אַ שליחות וואָס איז שוין געוואָרן היסטאָריש, הגם זי איז נאָך ווייט ניט אויסגעפירט געוואָרן....

איך זאָג איך בין ב אַ ז ו נ ד ע ר צופרידן געווען צוטרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט מיכאָעלסן, ווייל כאָטש זיין רום אַלס שוישפּילער, טעאַטער־קינסטלער און דירעקטאָר פונם מאָסקווער יידישן קונסט טעאַטער איז שוין געווען אוניווערסאַל (און אַזאַ אויטאָריטעט ווי גאָרדאָן קרייג האָט געשריבן אַז מיכאָעלס'ס „קעניג ליר" איז דער בעסטער וואָס ער האָט ווען געזען) האָב איך אים אָבער צו מיין גרויס באַדויערן אויף דער בינע קיינמאָל ניט געזען, און איך האָב נור געקענט אַפּאָר פון זיינע זייער אינטערעסאַנטע עסייען וועגן יידישן טעאַטער... בין איך דערפאַר טאַקע באַזונדער צופרידן און געזעטיגט געווען ווען איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט פּנים אל פּנים — ווען איך האָב דערזען די באַרימטע לעבעדיקע מיכאָעלס מ אַ ס ק ע....

ווען איך האָב דערזען אָט די לעבעדיקע זעלטן פּלאַסטישע און עקספּרעסיווע מיכאָעלס מאַסקע בין איך ניט נור ניט אַנטוישט געוואָרן, נור איך האָב גלייך אָנגעהויבן גלויבן אין זיין רום אַלס שוישפּילער...

מיט אַזאַ מאַסקע, מיט אַזאַ שוישפּילעריש פּנים, האָב איך זיך געזאָגט געדענק איך, וואָלט זיך אַ שעקספּיר און אַ מאָליער אויך געפרייט צו האָבן אין זייערע טעאַטער־חברות.... מיכאָעלס האָט געהאַט אַ פּנים, אַ מאַסקע וואָס איז ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר פּלאַסטישע מאָדעלירונגען אויסקנייטונגען פון אַזעלכע כאַראַקטערן ווי קינג ליר, טאַרטיוף, שיילאָק און טוביה דער מילכיקער....

ווען איך האָב געקוקט אויף מיכאָעלס פּנים האָב איך געגלייבט אַז ער מ ו ז זיין אַ גרויסער שוישפּילער. אַז זיין אוניווערסאַלער רום איז באַרעכטיקט... (און ניט קוקנדיק אויף זיין קליינעם וואוקס: אַזעלכע שוישפּילער קענען אויסוואַקסן און איינשרימפּן אויף דער בינע לויט די ליידנשאַפטלעכע כאַראַקטערן וואָס זיי רעפּרעזענטירן).

מיכאָעלס מאַסקע, געדיינק איך, האָט מיר אויך גלייך דערמאָנט אָן דער וואונדערבאַר פּלאַסטישער מאַסקע פון יעקב אַדלער, דעם עלטערן און ערשטן גרויסן יידישן אַקטיאָר וואָס עד היום ווייס איך ניט צו די אייראָפּעאישע בינע האָט אין די לעצטע יאָרן געהאַט אַזאַ שוישפּילער. ווער ס'האָט ניט געטראָפן און גערעדט מיט אַדלערן האָט געמוזט גלייך דערפילן אַז „יעדער אינטש" איז שוישפּילער אין דער מלכותדיקער פיגור.... דאָס זעלבע געפיל האָט איר געהאַט ווען איר האָט געקוקט אויף מיכאָעלס מאַסקע און זיינע אויגן.

אָבער אין דער צייט ווען יעקב אַדלער איז געווען אין אַ גרויסער מאָס סטיכיש און פּרימיטיוו (ער איז געווען דער גרעסטער אפשר העראָאישער שוישפּילער פון דער גאָלדפאַדען־גאָרדאָן תקופה אינם יידישן טעאַטער) איז מיכאָעלס געווען איינער פון אונזערע לעצטע גרויסע שוישפּילער — דער „שטערן" און דירעקטאָר פון דעם מאָסקווער יידישן קונסט־טעאַטער, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט פון דעם פּרץ הירשביין טעאַטער, די „ווילנער", „הבימה" א.ז.וו. און איז אפשר די העכסטע דער גרייכונג פון דער יידישער טעאַטער קונסט. אין מיכאָעלסן, ווי אין זיין מאַסקע, האָט איר געקענט לייענען סטיכישן שוישפּילער טאַלאַנט און גרויסע טעאַטער און אַלגעמיינע קולטור....

מיכאָעלס, ווי יעקב אַדלער, געהער צו דעם קלאַסישן פּעריאָד פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער... ווי די בעסטע פון אונזערע היינטיקע יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער קען מען מיכאָעלסן אויך באַצייכענען אַלס „איניקל" פונם זיידן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר ספרים. —

מיכאָעלס איז אפשר טאַקע געווען דער רעפּרעזענטאַטיווסטער פון די היינטיקע יידישע פאָלקס קינסטלער אין רוסלאַנד. ניט אומזיסט איז ער דאָרט אויסגעוויילט געווען אַלס פאָרזיצער פונם פאַריניקטן יידישן אַנטי־פאַשיס־



טישן קאָמיטעט; און ניט אומזיסט איז ער געווען דער ראש פון דער דערמאָנטער היסטאָרישער שליחות פונם סאָוויעטישן יידנטום צו די יידן אין ענגלאַנד און אַמעריקע, וועלכע האָט צוגעזאָגט צו זיין אַזוי דערפאָלגרייך אין די מלחמה יאָרן ווען אַלע דעמאָקראַטישע פעלקער האָבן אַזוי העלדיש און מיט אַזוי פיל גלויבן אין גערעכטערע צייטן געקעמפט קעגן דעם באַרבאַרישן נאַצי־פאַשיזם.... אַ שליחות וועלכע וועט בלייבן פאַרצייכנט אין אונזער געשיכטע און וועלכע וועט נאָך פאָפּולער ווערן ווי עס גלויבן אַלע וואָס האָפן און אַז ס'וועט נאָך קומען צו אַ אמתן שלום צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט. אָבער הויפּטזעכליך וועט מיכאָעלס נאָמען און שאַפן געדיינקט ווערן אין דער געשיכטע פון דער יידישער קונסט און טעאַטער.

און איצט טרויערן הונדערטער טויזנטער יידן אין אַלע לענדער — און אין ארץ ישראל — זיי וועלן אים שוין ניט קענען זען אויף דער בינע.

---

דוד ווידענפעלד

## וועגן מאַרק שאַגאַלס לאַנדאַנער אויסשטעלונג אין דער טעט גאַלעריע

כ'שעם זיך נישט אויסצוזאָגן אַז נאָך איידער כ'הייב אָן עפּעס צו שרייבן וועגן מאַרק שאַגאַל, שטייען מיר טרערן אין די אויגן און כ'הייב אָן צו ווערן סענטימענטאַל און צופיל נאַציאָנאַליסטיש. מער נאָך וויפיל ס'איז גוט פאַר אַ מענטש צו זיין.

די טרערן מיינע זענען נישט נאָר טרערן פון שמחה דערפאַר וואָס אַ יידישן מאָלער ווערט אָפּגעגעבן אַזאַ גרויסן כבוד. אַזאַ גרויסן כבוד ווי מ'האָט דאָ אָפּגעגעבן אַזאַ מעכטיקן גרויסן מאָלער ווי וואַנגאָג; נאָר אויך טרערן פון נקמה. אונשולדיקע נקמה. דאָס אויך מיר אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אַ פאָלק נע ונד. ערשט נעכטן געווען בלויז אָן עם הספר. אַזוי ווייניק זיך באַשעפטיקט מיט דער קונסט פון מאָלעריי, נישט הונדערטער נאָר צענדליקער יאָרן בלויז ווי מ'האָט זיך אַריינגעלאָזט צו פאַנטאַזירן מיט פאַרבן. און שוין, מיר שענקען שוין דער וועלט. דער וועלט פון וועלכער מיר האָבן אַזוי פיל נחת, מיר שענקען איר שוין אַ גרויסן פאַנטאַזיאָר און אַ מעשה דערציילער מיט פאָרמען און פאַרבן. אַ פאַנטאַזיאָר וואָס זי האָט אַסך אַזעלכע נאָך נישט געהאַט.

עפּעס אַ קלייניקייט אַן אויסשטעלונג פאַר אַ מאָלער אַליין אין די גרויסע הערלעכע זאַלן פון דער מאָדערנער טעט גאַלעריע.

דער נאָמען שאַגאַל וועט באַלד שטיין אַ פייערדיקער זון אויפן לאָנדאָנער גרויען הימל.

וועט אויפן יידישן פאָלק דאָ און איבער דער גאַנצער וועלט אויך פאַלן

דער ווארעמער אפשיין ; וועט אונדזער געמיט ווערן ליכטיקער און אונדזערע נשמות וועלן ווערן אנגעשטעקט מיט נייע ענערגיע.

אז א כח האט שאגאלס קונסט, אזא צוציאונגס־קראפט.

מענטשן מיט קונסט־עלטער קוקן אויף שאגאלס א בילד און ווערן יינגער אויף דער שטעל. מענטשן מיט בערגער קונסט וויסנשאפט, שטייען און שטוינען דערגייען און ווערן געוואויער אז צווישן הימל און ערד, צווישן די צוויי הויכע קונסט־מכשפים מאטיס און פיקאסא שטייט א גרויסע פאנטאסטישע פיראמידע : מארק שאגאל.

אין אזעלכע ציַיטן אין אזעלכע טעג ווען מארק שאגאלס בילדער וועלן הענגען אויף די ווענט פון דער טעט גאלעריע און קונסט ענטוזיאסטן פון אלע נאציאנען און אלע לענדער וועלן קומען עולה רגל זיין זיי צו באוואונדערן, אין אזעלכע טעג וועט זיין גוט צו זיין א ייד.

וועט זיין גוט צו זיין א ייד און באוואונדערן ווי זיי ; און אויך געפינען דארט עפעס וואס זיי וועלן נישט אזוי ליכט געפינען, נעמלעך דאס פינטעלע ייד און דאס גרויסע אלמענטשלעך יידיש הארץ.

ער מאלט אזוי פיל מאל דעם ייד ביז ער מאלט אזש א יידל אויפן ייד. ער מאלט א יידל און א יידל מיטן פידל, א יידל שפילט די פידל אויפן דאך און יידן פליען אין די לופטן. ער אליין פליט מיט זיין פאנטאזיע איבער די דעכער פון וויטעבסק זיין געבורטס שטעטל און ער פליט מיט א ייד מיט א טלית־קטן איבערן אייפעל טורעם אין פאריז.

א זארג האט ער מיט סעזאנען און די אנדערע פארמעליסטן, רעאליסטן און אפילו קוביסטן. ער שטעלט די מוזע זיינע, וואס האט אים פונקט אזוי ליב ווי ער זי אויפן קאפ אראפ מיט די פיס צום הימל, צו זיין שאגאליסטישן הימל ארויף און חי געלעבט : „דער רבי האט געהייסן פריילעך זיין“.

אמאל שטעלט זיך אים אוועק א קו אויפן וועג, זי שטייט אזוי נאענט פאר זיין פנים אז ער זעט נישט מער ווי איר אויג, קוקט ער אריין דארט געדאכט מיט זיין איינן אויג, זיין שאגאלישן, קוקט ער אריין געדאכט און זעט א היימיש דארף און די געליבטע זיינע זיצט און מעלקט די קו.

אז באגעגעניש און אזא זעאונג אין מיטן העלן טאג גייט נישט פארלוירן פאר די אייביקייט. שאגאל גייט אהיים אין זיין סטודיא שיכור פון זיין פרילינג־פאנטאזיע און מאלט אויף דאס וואונדערבארע מעשה'לע מיט טויזנט און איין נאכט פארבן פאר די צוקונפטיקע דורות פון קונסט ליבהאבנדע מענטשהייט.

אין זייער זכות טאקע, אין דעם זכות פון די צוקונפטיקע דורות פון א בעסערע מענטשהייט וואס וועט זיך האבן פארדינט אזא שיינע, בא'חנ'טע תמימותדיקע קונסט ווי שאגאלס, האבן מיר שוין היינט אויך אביסל נחת־רוח. אביסל צוקונפט עונג שבת און א שטאלצקייט אז די יידישע פאלקס פאנטאזיע איז טראגנדיק געווארן און... געבוירן א פרינץ פון פארבן :

די וועלטיקע און יענע וועלטיקע.



כ'בעטאן אזוי שטארק : פאר די צוקונפטיקע דורות ; ווייל כ'וויל איינרוימען אסוד אויף יידיש און כ'וואלט געוואלט אז די נישט יידישע וועלט זאל אויך הערן דעם סוד וואס איך רוים איין : אז כ'פארגין נישט די וועלט מיטן גאנצן הארצן פארגין איך נישט די יעצטיקע וועלט מיט זייער גאט פון ליבע זאל האבן אזא גרויס פארגעניגן פון א יידישן קינסטלערס מאלערישע פאנטאזיעס, וואו יעדע דעליקאטע אידעלע ליניע און יעדע ווארעמע פארבן סענזאציע איז א דורכגעווייקט מיט אן אמתע הארציקע און אונשולדיקע יידישע ליבע.

דאס איז א פארבייגייענדע שטימונג פון א פוילישן ייד וואס קען נישט זיין עפעס אנדעריש ווי שלעכט געשטימט און זיין בייז אויף די גאנצע וועלט.

כ'בין אבער זיכער אז ס'וועט קומען דערצו, ווען כ'וועל זען דעם נישט יידישן געמישטן עולם זיך פרייען מיט מארק שאגאלס א בילד, וועט מיין ביזקייט פלאצן ווי א זייפן בלאז און איך וועל זיך אויך מיטפרייען מיט זיי, און מיר וועלן אלע ווערן איין משפחה פון באגייסטערטע שאגאל חסידים.

אנדעריש איז עס נישט מיט שאגאלן ; אדער מ'פארשטייט אים אינגאנצן נישט, אדער ער שטעקט אזוי אן אייער נשמה מיט אבאזונדערע שאגאליסטישע התלהבות, אז מ'מוז ווערן זיינער א פארברענטער חסיד און ער ווערט טאקע דער קינסטלער אייערער וואס שטייט טאקע אויפן שפיץ דאך פון דער מאדערנער קונסט. אדער בעסער געזאגט ער פליט איבער די דעכער פון אלע מאדערנע שולעס און שיטות.

ער איז דער ערשטער יידישער קינסטלער וואס קען רעדן מיט זיין מאלעריי אויף צוויי לשונות ; יידיש צו יידן און אלוועלטלעך צו דער וועלט אין אלגעמיין און וואויל צו דעם ייד אדער גוי וואס פארשטייט ביידע לשונות.

אלע גרויסע קינסטלער, זאלט איר מיר מוחל זיין, זענען געווען גרויסע לקח'נער, מיט ביידע הענט גענומען וואו ס'איז געגאנגען און דערנאך זיך אויסגעלאכט דערפון און שטאלצירט מיט זייערע אייגענע פראדוקציעס, ווייל זיי האבן דעם געלקח'נטן אוצר אזוי לאנג געטראגן ביז זיי זענען מיט מזל געלעגן געווארן מיט אן יי באשעפעניש א נייע אויפלאגע, אסך שענער, מיט אן אייגנארטיקן דערויין, א ניי פנים און א ניי געשטאלט.

ס'איז דער נייער צוגאב, די אייגענע נשמה וואס דער קינסטלער בלאזט אריין אין זיין ווערק, זיין אייגן הארץ וואס ער שטעלט דארט אריין און די הויפט זאך דער נייער התלהבות און דער נייער ברען.

שאגאל האט זיך גענוג אנגעזאפט מיט אלט רוסישע און די נייעסטע פראנצויזישע קונסט קולטור און איז אדורכגעדרונגען מיט די יידישע קלאסיקער. פאלקיסטישע און מאדערנע פאעזיע און פון באקסט'ן האט ער אויך געמוזט עפעס לערנען. אבער נישט מער ווי עפעס.

שאגאל איז נישט קיין אנדערער ווי שאגאל אליין. מ'דארף צו ערשט ווערן נייגעריק ווען א בילד כדי צו האבן א פול פארגעניגן דערפון ווען מען דערזעט עס.

קודם כל רופט שאגאל'ס א בילד ארויס נייגעריקייט; מיט דער נייגערי־קייט וואקסט די באוואונדערונג און איידער מ'קוקט זיך אריין שטייט מען געפאאנגן פון זיין כישוף.

מיר יידן האָבן שוין געגעבן, נישט מיט אונזער ווילן, גרויסע ערשט־קלאסיקע מייסטער צו דער וועלט: איזראעלס און פּיסארא האָבן ליבטיק גע־מאכט די קונסט הימלען פון האָלאנד און פראנקרייך און די קונסט הימלען פון אנדערע לענדער האָבן אויך גענאָמען פון זייער שיין.

איזראעלס האָט עפּעס יאָ געערדט צו אונזער הארץ. פּיסארא דער גרע־סערער, איז שוין געווען צו אַלוועלטיק. ער איז געווען א ייד? יאָ! געראָט א לירישע יידישע נשמה? יאָ! אָבער יידיש האָט ער נייסט געקענט. ער האָט נישט געקענט זאָגן צו אונז: די קו איז געפלויגן איבערן דאך".

שאגאל קען יאָ זאָגן: „די קו פליט איבערן דאך".

אויב איר גלויבט נישט אז ס'קען געמאָלט זיין, גייט אין דער טעיט גא־לעריע און איבערצייגט אייך. אויב איר וועט אַלץ נאָך נישט גלויבן, זענט איר נישט א ייד, וואָס פארשטייט שאגאל'ס יידיש.


„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.




## משה עובר

# סודות פון חדר

### (אגדות און פּירושים צום בוך „אין חדר אריין")

### א.

### דער נס פון טאָג

דער בורא־עולם האָט געזאָגט צו זיין שמש־שמש (זונען־שמת) נאָך דעם ערשטן טאָג פון זיין חנוכת־הבית:

— קוק און זע! א גרויסער נס איז געשען. דער ערשטער טאָג האָט איבערגעלעבט אַלע מכשולים און געפאָרן: דער הימל איז נישט אראָפּגע־פאַלן, די ערד האָט זיך נישט פארטשעפּעט, דער ים איז נישט איבערגע־לאָפן. טאָ, יהי אור! צינד אָן א ליכט אין זכר פון דעם נס.

האָט דער שמש־שמש אָנגעצונדן דעם ערשטן שטערן.

און זינט דעמאָלט צינדט דער שמש־שמש אָן וואָס א טאָג מיט איין שטערן מער.

און דער, וואָס וויל וויסן גענוי דעם מספּר פון די נסים'דיקע טעג, וואָס דאָס וועלטעלע האָט שוין איבערגעלעבט, זאָל ציילן די שטערן.

### ב

### „פון לעבן דעם סוד־

דאָ שטעלן זיך אָפּ אַלע מפרשים און פאָרשער; אַלע ווילן וויסן, פאַרוואָס האָט דער מענטש אזוי ליב דאָס לעבן און פאַר די סודות פון לעבן גיט ער ס'גאנצע לעבן?

אויף דעם ענטפערן די בעלי־גימטריה (נומעראלאָגן בלע"ז) אזוי:

— ווילאנג דויערט דען אינגאנצן ס'לעבן פון דורכשניטלעכן מענטש?

— זיבעציק יאָר. און סוד באטרעפט אויך זיבעציק.

הנם ס'לעבן פון א סוד איז א גאנץ קורצער, ווייל אָפטמאָל שטאַרבן סודות שמארבן גאָר יונג.

וועט איר דאָך פרעגן, פאַרוואָס איז אונשטערבליך דער סוד, וואָס הייסט גאָט?

איז דער תירוץ, ווייל ער איז קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן! ס'איז אָבער פאַראַן א חילוקי־דעות.

למשל, די היינטיקע עובדי־כוכבים; די, וואָס דינען גאָלדענע רענדלעך אָדער מאָרד־מעדאַלן מער ווי דאָס לעבן און ווי אַלע סודות פון לעבן, זיי זיינען לגמרי נישט מסכים מיטן אויבערשטן פּירוש.

### ג.

### דאָס מענטעלע

אונזער וועלטעלע — גאָט'ס ספר־תורה — איז שוין געווען צו מול פארטיק און שוין געווען איינגעהילט אין בלאָען הימל־מאנטל. שבולו

תכלית. זיינען געקומען פיר מלאכים פאַרן אל של תפארת מיט אַ בקשה, ער זאָל דאָס מענטעלע באַפּוצן און באַצירן, באשר בכן די ערד איז דאָך אַזוי צוציענד. אויב נישט, וועט קיין מענטש נישט אויפהויבן קיין אויג צו זיי, און אָן דעם מענטשלעכן אויג וועלן די הימלען בלאָס ווערן און וועלקן פאַר זייער צייט און רופן וועט דער מענטש דעם מילכיקן וועג „דער גרויער צאָפּ".

— וואָס ? — פרעגט דער גאָט פון שיינקייט די מלאכים — אפשר געפעלט אייך שוין נישט מיין בלאה ? איר האָט דאָך ערשט נעכטן צו דעם בלאה טויזנט שיר־המעלות׳ן געזונגען !

— חלילה ! — האָבן די מלאכים אים געענטפערט — דער בלאָה איז שוין איינמאָל אַ בלאָה. נאָר ביינאַכט, ווען דער בלאָה ווערט שוואַרץ, וואַרפט ער אַ מרה־שחורה אויף דער ערד. און עס שרעקן זיך אַלע באַשעפענישן, וועלכע דו האָסט אַזוי ליב.

האָט דער בורא יתברך געזאָגט:

— אמת כדבריכם ; איר האָט באמת רעכט. טאָ ברענגט שוין מיר ס׳מענטעלע און מיר וועלן זען וואָס מ׳קען טון.

האָבן די פיר מלאכים אַראָפּגעצויגן דאָס מענטעלע פון דער ספר־תורה און אויסגעשפּרייט פאַר גאָט.

האָט ער מיט זיין פייערדיקן אצבע־אלקים אויפגעשריבן אַ „ב" און זי אַרומגעפּינטלט מיט אידעלעך ; יעדעם אידעלע — אַ געדאַנקען־שטריך.

די מלאכים האָבן זיך געפרייט מיטן שיינעם בילד און, טאַנצענדיק, עס צוריק אַרויפגעצויגן אויף דעם ציטערדיקן לייב פון דער ספר־תורה.

אָבער ווען די מלאכים האָבן זיך פון אים אַוועקגעקערט, האָט כביכול געוויינט, ווייל אין דער כאַרבלענדיקער גסיסה — ב — פון דער לבנה און אין יעדן בלוט שפּריץ פון שטערן האָט גאָט געזען דעם גורל פון ישראל. דעריבער האָט ער נישט געקאָנט איינהאַלטן זיינע טרערן.

— אני אדוינוי אלויהייכעם ! ווי איז מיר, ווי ! — האָט כביכול גע־קלאָגט. און דאָס מענטעלע און די אידעלעך האָבן זיך געווייקט אין אַ באַ־ליע בלוטיקע טרערן !

ד

## סודי-סודות

אונזער ערד, אַלץ וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף איר און אין איר, זעט מען און מען הערט פון זיבעטן הימל, 8,255,430,000,000 מאָל אַזוי קלאָר און דייטלעך, ווי מיר — דאָ, וואָס שטייען אַזוי נאָענט.

יעדער אַטאָם איז דאָרט אַ פעלז, יעדער אָטעם — אַ שטורם-ווינד ; אַ זיפצעלע רוישט דאָרט ווי אַ דונער, אַ בליקעלע — אַ בלענדענדיקער בליץ. אַ מחשבה איז דאָרט שוין אַ בנין, אַ פאַנטאַזיע — אַ פעסטונג.

ווער קען דען דערציילן איין סוד פון די סודי־סודות פון הימלישן חדר און אויסלעבן די קאָרגע זיבעציק יאָר ?



לכן איז בעסער צו בלייבן בלינד. טויב און שטום.
און זיך דערשלעפּן צום הונדערט און צוואַנציק מאַקסימום !

ה

## די פילאָלאָגן פרעגן

די פילאָלאָגען פרעגן, ווי קומט צום בעלפער, וואָס איז געווען כמעט אַן „אַלפאַבעטניק", אַזוי מיקראָסקאָפּיש אַריינצוקוקן אין צורת־אות ? — וואָס איז איינעגטלעך אַ שטודיום נאָר פאַר שפּראַכן־פאָרשער, אמינרעססן פּראָפעסאָרן !

אויף דערויף ענטפערן די ביאָגראַפיסטן אַזוי:

— דער בעלפער האָט געשטאַמט פון הייליקן שבט שוחטים און מוהלים. דורות-לאַנג האָבן זיינע אבות געזוכט פּגימות אין חלפים און מרכות אין לונגען, און דער בעלפער אַליין האָט געצויגן זיין חיונה פון פּגימות אין דיאַמאַנטן און פון סרכות אין פּערלען. און וואו איז נאָך דאָ אַזאַ פּגימה׳לע, אַזאַ סרכה׳לע און אַזאַ בריליאַנטעלע ווי אַ אידעלע, אַזאַ מוהל־מעסערל ווי אַ „ו", אַזאַ חלף ווי אַ „ן" ? און די לונג פון אַלע לונגען איז דאָך כביכול די „ה".

ו.

## די ה׳

דער בעלפער האָט געקנעלט מיט די בני ובנות ישראל. נישט, חלילה, מותר צו זיין אויף דער ה׳ אין דער יידישער אויטאָגראַפיע.

ער האָט גוט געוואוסט, אַז דערמיט נייט ער קענן שטראָם פון מאָדער־נעם אויסליינעביץ. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט אונטערוואַרפן אַ שטראָם, וואָס דערדריקט און דערשטיקט דעם אָטעם פון אלף־בית.

— וואָס פאַר אַ גרויס גליק איז די ה׳ פאַרן יידיש ! — האָט ער מיט זיי געלערנט. — רעליגיעז, איז עס דאָך דאָס הייליקסטע אות : פאָנעטיש, דאָס איינציקע אות, וואָס האָט אָטהעם אין זיך ; קבלה׳יסטיש, איז עס דאָך דאָס געשלעכטלעכסטע אות. און שרעקלעכער ווי די גאַנצע תוכחה איז דאָך די פאָרם פון דער ה׳ : דער אייביקער ייד אונטערן אייביקן האַק־מעסער.

— נו, פרעג איך אייך, קינדערלעך, קען מען, מעג מען אַרויסוואַרפן פון אונזער האַרצנ׳ס לשון אַן אות אַזוי הייליק, אַזוי לעבעדיק, אַזוי שעפעריש, אַזוי סימבאָליש ?

און אַלע פיר ווענט פון חדר, האָבן בקול אחד געשאַלט ארבע פעמים :

— ניין ! ! !

און אַ יינגעלע, אַ פּאָטענציעלער פּאָעט, וואָס האָט גוט תופס געווען דעם לימוד האָט אויפגעשריבן אויף דער טאַבליצע :

— אַ קלאָג איז צו די „יאָהרען", אין וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין ה׳
און צו די „טרעהרען" אָהן ע, אָהן ה, ווי איז צו זיי !

ז.

## אברהם-אבינו און די טשערעפאַכע

„און ווי זיידע אברהם מיט אַ שטעקעלע און מיט אַ ה נעוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד". „אין חדר אריין". ז.92.

אברהם, אַלס יינגל, האָט געהאַט אַ טשערעפּאַכע. זי איז געווען זיין ליבלינג. ער האָט זי געשפּייזט מיט די זיסעסטע קרייטעכצער און זיינע ליבּליכסטע גלעטן האָט ער איר געשאָנקן.

תרח אבי אברם האָט עפּטערס מאָדעלירט און קאָפּירט די טשערעפּאַכע אין ליים און אין שטיין, אין בּיליקע און אין טייערע מעטאַלען. געמאַכט אָפּגעטער און, ממילא, געמאַכט אַן עשירות.

אברם האָט צוגעקוקט צו זיין פאָטער'ס מעשים-תעתועים, ווי ער פאַרנאַרט דאָס מענטשן מיט זיינע טויטע געטשקעס און איז געווען שטאַרק בייז אויפן פאָטער. אָבער גוט אויסלאַכן דעם פאָטער האָט ער נאָך נישט געקאָנט, ווייל אברם האָט דעמאָלט נאָר פאַרשטאַנען נאָט מיטן שכל. ער איז נאָך געווען אַן אברם אַ קשי-עורף'דיקער ווייל אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט געהאַט די ה, האָט ער דאָך נישט געקאָנט לאַכן האַרציק און נישט זיפצן געטליך.

איז אברם אַרוימגעגאַנגען אַ צאַרנ'דיקער אויף זיין אייגענעם פאָטער און אויף זיין אייגן געמיט און געשטיקט אין זיך ווי אַ שטיק טייג, וואָס האָט נישט די אויפּאַווירענדיקער הייוועץ.

מער ווי איינמאָל, נאָך אַלס יינגל, האָט אברם געהערט דעם רוף: „לך-לך!" און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געהערט דעם רוף, האָט ער זיך געהאָרכזאַם אַרויפגעזעצט אויף דער טשערעפּאַכע, צו ענטרינען פון זיין פאָטער'ס הויז און פון זיין פאָטערלאַנד. עס האָט אָבער גאָרנישט לאַנג געדויערט זיין פליטה: יעדעס מאָל האָט אים תרח נעפּאַקט נאָך איידער ער איז אַריבער די גרעניץ, אים גוט אָפּגעשמיסן און אים געפירט ביי אַ צורים אויער צוריק צו זיך אין געצענדינערישן הויז אַריין.

און אברם פלעגט אַרומגיין מיט זיין שווער האַרץ אויף די שווערע פיס, טאַפּן טיף אין די טיפע בלאָטעס פון כאַלדעא און חלומ'ן שווערע חלומות פון כנען.

האָט אברם געהאַט נאַאיווע טענות צום רבונו-של-עולם:

— איך פאַרשטיי נישט. דו הייסט מיך לך-לך'ן, איך פאָלג דיך און קריג דערפאַר נאָך גוט געשלאָגן פון טאַטן. איז דאָס יושר?

— וואַרט, — האָט אים השם-יתברך געענטפערט — ווען דו וועסט אַם-ירצה-השם, עלטער ווערן אין צרות וועל איך דיר אַנפאַרטרויען דעם טיפן סוד פון מיין אמת'ן נאָמען; און דאָס הייליקסטע אות — די קמיע — פון מיין נאָמען וועל איך אַריינשטעלן אין דיין נאָמען. און ווען דו וועסט נישט מער הייסן אברם, נאָר אברהם, וועט דיך אפילו דער טייוול אַליין נישט קענען פּאַקן. וועסט דעמאָלט קענען לאַכן פון דיין טאַטן און פון דיין



טאַטנ'ס טאַטן.

און ווען אברם האָט דערפילט אין זיינע רמח אברים, אַז ער הייסט שוין נישט און איז שוין נישט אברם, נאָר אברהם; (אברהם גמטריה רמח) און ווען ער האָט דערהערט דעם רוף „לך-לך!" האָט ער מיט אַ לייכט האַרץ זיך אַרויפגעזעצט אויף דער טשערעפּאַכע און די טשערעפּאַכע האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ פירדעלע און געקראָגן פליגלען און איז מיט אברהמ'ן געפלויגן איבער בערגער און טאָלן, איבער פעלקער און לענדער, איבער אָדערם און איבער הימלען, איבער טיפסטן צער און איבער העכסטער פרייד.

און ביזן היינטיקן טאָג פליט די טשערעפּאַכע מיט אברהמ'ן מיט דער ה אין זיין נאָמען און מיט די צוויי ה'ן אין זיינע אויגן. פליט און קען זיך שוין מער נישט אָפּשטעלן.

ח.

## פרעגט דער שכל-הישר

די א האָט צוויי יודעלעך, איינס צוקאָפּנס און איינס צופוסענס; די ג האָט דאָך זיכער צוויי יודעלעך; אַזוי ביז די ש. וואָס איז באַגליקט מיט אַ מזומן. אפילו די ת האָט אַ יודעלע צופוסענס. אַרום און אַרום האָט דער אלף-בית נישט מער און נישט ווייניקער ווי דריי מנינים יודעלעך. פרעגט דער שכל-הישר אַ האַרבע קשיא:

— פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל יודעלעך. אַז אַן עין-הרע, אין אין קליינעם אלף-בית?

דערויף ענטפערט דער בעל-הגדה אַזוי:

— עס שטייט אין אַלטן מעשה בראשית, אין פרשה לך-לך (גיי שוין, גיי), אַז גאָט האָט געזאָגט צו שרי'ן: „זאָלסט, למען השם, נישט מער הייסן שרי, נאָר שרה". פרעגט זיך, וואָס האָט דער באַשאַפער געטון מיט'ן יודעלע? גאַנץ פשוט. ער האָט דאָס יודעלע איינגעפלאַנצט אין אלף-בית און ס'האָט דערפון אַרויסגעשפּראָצט אַ גאַנץ גערטנדל פון דרייסיק אונוועלקבאַרע יודעלעך. אַ צאַצקעלע, איינס ווי איינס!


3/6 „אין זכות פון די טעג"

5/- „אין חדר אריין"

פון

משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפּענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

## דר. יעקב י. מייטלים

# דערפילונג

(געדאנקען וועגן גאולה)

איז באַשערט אונזער הײַנטיקן אויסגעבלוטיקטן און פאַרמאַטערטן דור, וואָס האָט אויסגעטראָגן און טראָגט אויס אויף זיינע פּלייצעס דעם טראַגישן אומקום פון פאָלק, צו דערלעבן די פאַרווירקלעכונג פון דעם גרויסן טויזנט־יאָריקן חלום פון גאולה? שטייען מיר טאַקע אויפן שוועל פון אויסלייזונג, פון מלכות ישראל?

נאָך, דוכט זיך אויס, שטייט אַלץ אויפן משקולת. דאָס צינגעלע צאַפּלט, עס באַוועגט זיך אומרויק אַהין און אַהער. וועט די וועלט זיין כולו זכאי, צי כולו חייב. דערווייל שטורעמט נאָך דאָס וועלט־געוויסן אין זיין טייוואָלאָניש־ווילדן און אכזריות'דיקן אויפברויז פון די לעצטע בלוטיקע יאָרן. די מענטשהייט, מיט הענד פול מאָרד און פאַרברעכנס קען זיך נישט באַרויקן, זי קען נישט געפינען איר תקון. קען זי דערווייל נישט זיך און נישט דאָס פאָלק אויסלייזן, וואָס זי האָט אַזוי אָפט פאַרשוועכט און געקרייציקט.

זיינען טאַקע די חבלי לידה זער גרויס. שטייט די יידישע וועלט ביז איבערן האַלדז אין בלוט, טרינקט זיך און ראַנגלט זיך. זי ראַנגלט זיך קעגן די כחות פון טומאה, פון רעאַקציע און אונטערדריקונג פאַר באַפרייאונג און אייגענער דערלייזונג. זי וויל, אַז איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָל אַ סוף זיין צום שעבוד, אַ סוף צו יסורים, אַ סוף צום נע־ונד זיין.

קוקט מען אַרום מיט בליקן פול שרעק און מען פרעגט „שומר מה מליל”, שומר, ווי ווייט האַלט מען אין דער נאַכט? איז באַפרייאונג נאָענט, ווערט די גרויסע זעאונג פון שיבת בנים לגבולם וואָר, אָדער איז דער פּראָצעס פון וועלט־לייטערונג, פון לייד און יסורים פאַר דעם יידישן פאָלק נאָך נישט פאַרענדיקט, איז נאָך אַלץ נישט געקומען די שעה פון זיין אויסלייזונג?

קען אָבער אַ וועלט, אַ פאַרבלוטיקטע, אַ צוטרעטענע, אַ געשענדעטע — ניי געבוירן ווערן אָן תהומות'דיקע אויפטרייסלונג? איז עס געמאָלט, אַז אַ פאָלק, אַ פאַרפּייניקט, אַ הונדערט מאָל אַ טאָג געקרייציקט זאָל אויפשטיין צו תחיית המתים„ אָן חבלי לידה, אָן געראַנגל און יסורים? איז בכלל מעגלעך גאולה אָן שווערע פּיין, אָן חבלי־משיח? מוז נישט פריער דאָס פאַרפוילטע, דאָס שלעכטע, דאָס קראַנקע אינם וועלט־אָרגאַניזם אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל, איידער מ'קען בויען דאָס נייע? איז חורבן נישט אַ מין פאַרבאַרינג פון בנין, כאָאָס — פון אָרדענונג?

* * *

עס איז געווען אַ שטאַרקער, אַ סטיכישער גאולה־אויפברויז, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אויפן שוועל פון 20טן יאָרהונדערט צו שטעלן, כמעט אומבאַמערקטערהייט פאַר דער וועלט דרויסן, די ערשטע פעסטע טריט אויף



וויסטן און חרוב'ן באָדן פון ארץ ישראל. דאָס יידישע פאָלק האָט אין די טעג פון רעלאַטיווער וועלט־פרייהייט און וועלט־זיכערקייט זיך אָנגעהויבן פילן זער אומזיכער. אין מזרח־אייראָפּע איז די לאַגע פון די יידישע מאַסן געווען אַ שווערע. גירושים, פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען זיינען געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדנונג. אין מערב האָבן זיך באַוויזן סימנים, וואָס פאַר אַ מענטשן מיט אַ גענויט אויג האָבן זיי באַטייט שטורעם, הגם ער איז נאָך געווען ווייט פון האָריזאָנט. מען האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן איבער דעם אייגענעם גורל. זאָל אַסימילאַציע, הומאַניזם, קאָסמאָפּאָליטיזם נישט זיין קיין ענטפער אויף דער אָנגעווייטיקטער יידן־פראַגע? אויב אַזוי, מוזן יידן געפינען אַן אייגענעם ענטפער אויף זייער פראַגע.

אין דער אמת'ן איז מען שוין מיד געווען וואַרטנדיק אויף גאולה, סיי אויף דער אייגענער און סיי אויף דער פון דער וועלט. די וועלט איז נאָך אַלץ נישט געוואָרן פריי און דאָס יידישע פאָלק איז נאָך נישט געוואָרן אויסגעלייזט. האָט מען נישט לענגער געוואָלט וואַרטן. מען האָט גענומען דעם אייגענעם גורל אין דער האַנט אַריין און געוואָלט צואיילן די גאולה. מ'האָט געוואָלט דערפירן דעם סוף, דעם קץ. (עס איז אגב כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע משיחישע באַוועגונגען, אַז זיי זיינען אויסן געווען צו דערנענטערן דעם אחרית, דעם קץ, דעם סוף. מען האָט נישט געוואָלט לענגער וואַרטן). די זעאונג פון גאולה, די מיסטיש־משיחישע קאָנצעפּציע פון אויסלייזונג איז געוואָרן סעקולאַריזירט, זי איז געוואָרן אַ קאָנקרעטער, רעאַלפּאָליטישער פאַקטאָר.

עס איז אָבער געווען אין די רייען פו די יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן, צונויפגיסנדיק זיך מיט דער מוטער־ערד אין א"י, דערשמעקט מיט זייערע איידעלע נאָזלעכער דעם ריח פון פרייקייט, דערהערט דעם שופר של משיח. אויף דעם אַלט־נייעם באָדן האָט זיי אַרומגענומען אַ מעכטיק געפיל פון בראשית, פון באַגינען, פון אויפבוי. עס איז געווען אַ נשמה'דיקע דערהויבנקייט, אַ נייע קדושה, וואָס האָט דעם חלוץ מיט זיין מענטשלעכער ליכטיקייט אַרומגענומען, בעת ער איז רעוואָלוציאָנער־וויזיאָנעריש צוגעטרעטן אויסטריקענען די זומפּן, מיט זיין שווייס און בלוט באַפרוכפּערן די ערד און אין דער וויסטעניש שאַפן ניי, יונג לעבן. גאולה האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ רעאַליטעט. די אויסגעבענקטע, אויסגעטרוימטע און אויסגעווייטיקטע משיח־וויזיע פון די אַמאָליקע מקובלים און מאַרטירער, איז דורך דער מסירת־נפש'דיקער ליבע פון זייערע אייניקלעך געוואָרן אַ פּראָגראַם פון קאָנקרעטער, האַרטער און עקשנות'דיקער באַפרייאונג־אַרבעט.

האָט אָבער שוין אַמאָל אַ דור אויסגעחלומ'ט די פאַרווירקלעכונג פון זיין אייגענער אויסלייזונג פון אָנהויב ביז סוף? הייסט גאולה טאַקע יענע שלוה'דיקער, גן־עדנ'דיק־מנוחה'דיקער, סטאַטישער פּראָצעס פון דעם „באחרית הימים”, אָן אויפטרייסלונגען, אָן דערשיטערונגען, אָן געראַנגל, אָן קולות וברקים?

עס איז אָבער נאָר די גאָט־געבונדענע, די טראַנסצענדענטאַל־משיחישע גאולה, וואָס ווערט נישט אויסגעטראָגן און אויסגעקעמפט. נאָר זי ווערט געגעבן. זי איז, לויט דער תנכ׳ישער אויפאַסונג, אַ פון גאָט־געגעבענע, עפעס ווי בהיסח הדעת, אָן דעם מענטשנס צוטאָן. זי קומט נישט מיט גבורה, נאָר מיט חסד. זי ווערט נישט געבוירן מיט דין, נאָר מיט רחמים. זי איז דערפאַר טאַקע אַ שטילע, אַ ציכטיקע, אַ הייליקע, אַ פלאַ׳דיקע. (פונדעסטוועגן האָבן אַמאָליקע דורות פאַרשטאַנען, אַז אָן חבלי לידה קען פאַרט דער גואל נישט קומען. האָבן זיי טאַקע אויסגעמאָלן מיט די טונקלסטע פאַרבן די שרעק און פיין, די יסורים און ענויים קשים, וואָס דאָס יידישע פאָלק וועט איבערלעבן איידער עס וועט קומען די גאולה). אָבער די פון מענטש באַנומענע, רעאַלע, דאָ־זייטיקע, ערדישע גאולה מוז זיין אַ שטורמדיקע, אַ קאַמפאָנגעפילטע. זי איז יסורים־שוואַנגער, פול מיט אויפטרייסלונגן, ווייטיקן און דערשיטערונגען. עס זיינען ליידן פון דער שאַפערישער באַפרייאונג־טאַט, אָן וועלכער אַ דינאַמישע גאולה איז נישט מעגלעך.

* * *

קומט טאַקע די גאולה אָן שווער. קאַטאַסטראָפעס, וואָס טרייסלען אויף די וועלט, הריגות און רציחות, נויט און פיין, און דער גרויסער, אכזריות׳דיקער אומקום פון אַ פאָלק.

עס גייט אַ פאָלק צו קינפעט און די ווייטיקן זיינען מורא׳דיק, דאָס חיות פליסט ממש אַוועק מיטן בלוט. עס איז שוין באַלד נישטאָ קיין כח צו געווינען.

איז די שרעק גרויס, זיינען די הערצער פאַרחלש׳ט און די געמיטער פינצטער.

קוקט מען אַרויס אויף אַ צייכן. אויף אַ נס. וועט די גאולה קומען צו דער צייט, גיך, אויף דער שנעל. אָדער וועט זי זיך פאַרזאַמען, פאַרהאַלטן? דעמאָלט וועט מען זי מוזן אַראָפברענגען בעל כרחו. מיט געוואַלד. ווייל עס איז נישטאָ מער קיין כח צו וואַרטן.

שטייט טאַקע אין די איצטיקע שווערע טעג בולט פאַר אונזערע אויגן די טראַגישע געשטאַלט פון משיח בן יוסף׳ן, וואָס דער יידישער געניוס האָט אין זיין מאַכטלאָזיקייט אויסגעשפונען און אויסגעוועבט אין דער הערלעכער משיח־לעגענדע. איז ער, דער משיח בן־יוסף, טאַקע דער סימבאָל פון קאַמף פאַר באַפרייאונג, דער נאַציאָנאַלער העלד, וואָס גייט מיטן כח פון זיין שווערד פירן מלחמות מיט די שונאים פון ישראל. ער קומט אַלס באַפרייער פון די אונטערדריקטע, פון די פאַרפייניקטע. ער שטאַלט זייערע הערצער, צופלאַמט זייערע געמיטער און מיט שטאָלץ און זעלבסטזיכערקייט גייט ער אין מלחמה אַריין. ער איז זיגרייך, שלאָגט זיינע שונאים, פאַרטיליקט זייערע חיילות. איז אָבער זיין גורל צו פאַלן, געהרג׳ט צו ווערן אין די שווערע, בלוטיקע קאַמפן, וואָס גייען פאָראויס די אמת׳ע גאולה.

* * *



איז מלכות ישראל אין באַשיידענע אָבער לעבנספעאיקע גרעניצן נאָר אַ פאַזע, אַ שטאַפל אין דעם איצטיקן גרויסן גאולה־גערעאַנגל? אָדער איז דאָס קריסטאַליזאַציע, ענדציל, דערפילונג פון דער גרויסער, הערלעכער קאָנצעפציע פון וועלט־גאולה?

עס פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן היינט אַזעלכע, מידע, נעבפלאַגטע, פאַרהאַוועטע און מיט אַ קורצן אָטעם, וואָס חיי שעה איז פאַר זיי אויך אַ גרויסער ענין, וואָס מוזן זיין צופרידן, אַפילו מיט קליינע דערגרייכונגען. ווילן זיי דאָך נישט קיין סך, נאָר אַביסעלע צופרידנקייט, אַביסעלע רוח און נחת, און זאָל דאָס באַדיי מיינען דערפילונג און ענדציל (עס איז דאָך אַזוי מענטשלעך, אַזוי פאַרשטענדלעך!), איז מען גרייט מוותר צו זיין.

טאָר מען אָבער נישט פאַרגעסן ביי דער גרויסקייט און איינציקאַרטיקייט פון דער איצטיקער היסטאָרישער דערפילונג, אַז גאולת ישראל אין איר ריינסטער און קלאָרסטער פאָרם איז און מוז בלייבן אַן אייביקער אידעאַל. דערלייזונג איז נישט אַ צייטלעכע, נאָר אַן אייביקע אויפגאַבע, אַ שטענדיק זיך באַנייענדיקער פראָצעס, וואָס הגם אין יעדן דור ענדערט ער זיין צורה, אָבער זיין אינהאַלט, זיין קוואַליטעט בלייבן דיזעלביקע. (עס איז אַגב אורחא כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן, וואָס דער משיח געדאַנק ווערט באַנומען אַלס אייביקע אויפגאַבע. משיח אַלס אידעאַל שטאַמט פון ששת ימי בראשית און לעבט ביזן אחרית הימים).

דערפילונג איז וויכטיק, זי איז מענטשלעך, אָבער נאָר אַלס פאַזע, נישט אַלס ענדציל.

גאולה אַלס אייביקע אויפגאַבע איז, נביאיש געזען, קאָסמיש געבונדן.

זי קען נאָר געבוירן ווערן אין אַ קלימאַט פון מאָראַלישער פולקומענקייט און ריינסטער הומאַניטעט, וואָס איז סוף כל סוף פאַראַנקערט אין העכסטער רעליגיאָזיטעט. יידישע גאולה מוז פירן בעל כרחי צו דער אויסלייזונג פון דער וועלט. אַזוי לאַנג אָבער ווי עס איז פאַראַן נויט און שרעק, אונטערדריקונג און מלחמות, אַזוי לאַנג ווי מען קעמפט מיטן כח פון שווערד, איז עס נישט די צייט פון אמת׳ן גואל, נאָר פון משיח בן יוסף.

עס האָט געהערט אַ כח, וואָס נאָר אַן עקשנות׳דיקע אומה ווי יידן האָט געקאָנט באַזיצן, אַז דווקא אין העכסטע מאָמענטן פון נאַציאָנאַלן גליק און דערפילונג, ווען אַנדערע פעלקער ווערן פאַרשכור׳ט פון זייערע נצחונות, האָבן יידן געהאַט אַ חוש הריח פאַר דעם, וואָס איז עכט, אייביק, און וואָס איז נאָר אַ פאַזע, אַ שטאַפל אין דער לאַנגער לייטער, וואָס פירט אַרויף אויבן.

אויב נישט נאָך העכער פון דעם?

## א. נ. שטענצל

# פאר די טויערן פון ירושלים

(די גרופע פויליש־יידישע זעלנער, וועלכע זיינען לעצטנס אפגעפארן פון ענג־לאנד און אנקומענדיק אין ארץ־ישראל האבן זיך אנגעשלאסן אין דער הגנה)

אָ, אז נישט נאר דיינע לעצטע חורבה־שטיינער,
מיט תחינה־טרערן מיר באנעצן און באוויינען —
מיט אונזער לעצטן ביסל בלוט געבליבענעם,
מיט זון-איופניי און־פארניי דיינע בערג באשיינען.

נישט אלטע אנגעלענטע אויף וואנדער־שטעקנס,
און מיט ווידוי־ליפן צו קושן דיינע שטייבן —
יונגען מיט ביקסן אין הענט צו פאלן טויטע,
מיט געזאנג פון די חורבות דיך ארויסצוהויבן.

נישט שאקאלן־געהייל פון טונקעלע היילן —
זינגענדיקע מיט מעסערס אין פויסטיקע ביילן,
ווי שאול זיין פאר אקסן פאר זיין אקער־אייזן,
אונזער לעבן אויף שטיקער פאר דיר צו צעטיילן.

ירושלים, נישט א וויסטע אלמנה,
נישט אן איינגעהילטע ביזט מער אין שווארצע טיכער — —
„בבואו מאדם חמוץ בגדים", — — —
און אויף ווינטן־וויכערס קאן מען דען איילן גיכער?

מיליאנען הענט אויסגעשטרעקטע פון די פלאמען,
האבן דיך צוריקארופגעבערענגט מיט זייער לעבן,
און מיר די געראטעוועטע פון גאז־קאמער,
דיך צו באשיצן — אונזערס דא א וועקצוגעבן!

אויף דער ערד איצט, ירושלים של מעלה,
מיר וועלן דיך פון די וויסטע חורבות אויפריכטן,
אדער נאט וועט בלייבן זיצן אינמיטן טאג
ביי זיין חלבן ליכטל־זון חצות אפצוריכטן.



און נישט מער נאך דיר אליין, ירושלים —
נאך אלע שטעט און לענדער פארוויסטע צוזאמען!
דאס ביסעלע אש פאר גאטס קאפ ס'איז שוין צוגעגרייט,
פון די מיליאנען אויפגעגאנגען אין די פלאמען.

מיר אבער איצט די געבליבענע, די לעצטע,
אויף דיין ערד לעבן צו בלייבן, אדער צו שטארבן,
דיין פארשווארצט אבילות־קלייד ירושלים,
רויט מיט אונזער בלוט ליבטיק מיר וועלן באפארבן.

# א. איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט

אָ, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט,
ווייל וואס האב איך מער דען ווי מיינע טרערן,
וואלט איך א ביקס געקאנט האלטן אין מיינע הענט,
כ'וואלט דעם „הוירא" מיטגעטאנצט, נישט אויפצוהערן —
איידער אין גאז־קאמער ווידער ווי שאף צו גיין,
פאלן בעסער מיט געלאדענע געווערן.

אָ, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט,
גייט עס טאקע איצינד שוין מקוים ווערן,
אדער האט מען פאר אונז א פאסטקע צוגעגרייט,
איצט אונזערע לעצטע דארטן צו פארצערן?
יא, אינם בלוט־באד וואס איר האט צוגעגריט דארט
וועט איר אליין דערינען דערטרונקען ווערן.

אָ, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט
און ווען ס'איז אויפגעגאנגען דער מארגנשטערן,
בין איך צוגעגאנגען צו יענעם שטילן מאן,
וואס האט גענומען די שטילע גאסן קערן,
און נאך שטילער כ'האב גענומען צו אים ריידן:
„דו, ס'קאן דאך יעדער גוי אליהו ווערן.

„זע, איך האב דאך אזויפיל געוויינט אין דער נאכט,
באשפרענקעלט כ'האב די גאסן מיט מיינע טרערן,
און קאן מען דען עפעס אנדערש אין אזעלכע טעג,
דא אין די גאסן ווי משיח'ס טריט דערהערן?
אז מיט אזא פרייד די הערצער פון די קינדער
צו זייערע טאטעס טוען ווידערקערן — —

„זע, איך האָב דאָך אַזויפיל געוויינט אין דער נאַכט,
יעדער טאַנץ־שפּור פול נאָך מיט מיינע טרערן;
דו וועסט דאָך נישט ביידע זיי פון די גאַסן דאָ
מיט דיין שטיפן בעזעם ווי שטויב זיי פאַרקערן".
און ווען ר'האָט אויפגעהויבן די אויגן צו מיר,
שפּעלטלעך שמאָלע צוויי אין צעפּלאַצטע אייל־רערן:

„אַזעלכע „הוירא"־טענץ אויף די גאַסן דאָ,
אויף לויף־בענדער איבער דרייענדיקע סקווערן,
אינמיטן געיעג פון די מיליאָנען רעדער,
צאָן אין צאָן איינגעביסן זיי מוזן ווערן — —
און דאָס שמירנדיקע אייל אויף ראָד אין רעדל
טריפן אָן אויפהער דאָ די גליאיקסטע טרערן".

אָ, איך האָב אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט,
אַז נאָט אַליין וועט מיך שוין מוזן דערהערן!
און אויב גערעכטיקייט עס איז נאָך פאַראַנען
די בערג פון יהודה וועלן עס געבערן — —
די שלעכטיקייטן פונם גאַנצן ערד־קיילעך,
אַ געלאַדענער אַטאָם פול מיט צעשטערן!!

אָ, איך האָב אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט,
ווייל וואָס האָב איך מער דען ווי מיינע טרערן — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

## נעפּל־מיראַזשן

(פאַר ע.)

1

אויף מיליאָנען רעדער דרייט זיך די שטאָט,
אַ קונציק שפּיל אַזאַ פאַרן טיוול;
אין נעפּל די אויפגייענדיקע זון,
פון אַ ראָד אַרויסגעפאַלן שרייפל.

ווילדער דולער דרייט זיך מיין קאָפּ, און איך,
פון אַ רעדל אַנגעפּלאַצטער רייפל —
אַ דולע ריינע ליגן געבליבן,
באַזינט פון לילית און פון טייפל.



2

אַז קיין איין טיר כ'האָב נישט דאָ אין שטאָט,
אַנצולאָפן צומאָל ווי אַ בעטלער,
און אַ געקרייציקטער איינגעראַמטער,
הענג איך אין האַרץ פון מיין אויסדערוועלטער.

אין איר קניענדיקער מאָרגן־תּפילה,
מיין נאָמען דערמאָנט אויף אירע ליפּן,
רייסט מיך אויף אינמיטן שווערן חלום,
מיט פויסט אויף האַרץ און ווילדן דערכליפּן —

3

כאַפּ דיך אויף פון מיין אַנגסטיק צופוסנס,
נישט ביי בועז ביזט דו אין זיין שייער!
איך, דיין מחלון, בין לעבן געבליבן,
פון מיליאָנען געגאַנגען אין פייער.

און קראַנקערהייט נאָך כ'וועל מיך אַנגורטן,
מיט נקמה מיט שאַרפער, מיט בייזער:
אַז פון אַ רות אַ דוד געבוירן,
קומט אַרויסעט אַ יויזל־דערלייזער — — — — —

4

דו, אַז פאַלש דיינע פּאַטשאַרדו־פּאַטשערקעס,
וואָס העלפט דאָס שנירל און דאָס שלייפל?
מיין קאָפּ שוועב־אויף פון דיין פינגער־פאַרפלעכט,
אַ רינגל־רויך אין נולן נעבפּל — — —

אָ, אַ שאָקלדיקע ווייררויך־קעסל
הענגט אַ קופּערנע די זון אין נעפּל,
די לעפלעך איבער מיינע שוואַרץ־אַפּלען
פאַלן צו אין דיין טרערן־נעפּרעפּל — — —

5

און אַז ס'לעבן אונז ביידע פאַרבונדן,
וועט דער טויט שוין מוזן אונז צעשיידן,
שווערדן אויף ביידע זייטן געשליפן,
טראָגן מיר זיך אַרום ווי אין שיידן.

מיט יעדן האַרץ ציטער ציטערן זיי אויף,
אונזערע בליקן — בלאַנקען די שליפן!
און יעדער פאַלנדיקע שווערע טרער —
אויף שלייף־שטיין די טראָפן וואָס טריפן.

6

זע, כ'בין אָנגעגאַרט צו קאַמף, צו האַרטן,
מיין ביינעקער גוף מיין שטייפער פאַנצער;
און ווען שטאַרקער ווי דער טויט די ליבע —
מוז דאָס זיין אַצינד מיין כוח מיין גאַנצער!

און אויב פאַלן די ערשטע וועלן מיר,
וועט דאָס אויך זיין דער ערשטער נצחון;
און געהערן דער זיג וועט אונז ביידע,
ווייל פונקט ווי דיינס איז מיין האַרץ געבראָכן.

## אנגעקומענע ביכער אין רעדאַקציע

„אַ דור פון בראשית" פון ש. בערלינסקי, מינכען, 1947.
לידער — י. ראַנט, ניו־יאָרק, 1947.
„אַ בוים צווישן חורבות" (לידער און פּאָעמען) משה שולשטיין, פּאַריז, 1947.
„פאַרוואַקסענע וועגן" (לידער און פּאָעמעס) חיים גראַדע, פּאַריז, 1947.
„וואָוויק" (מעשהלעך פון אַ בראַנזווילער הינטעלע) פון כאַווער פּאַוער, (לאָס־אַנדזשעלאָס, 1947.
„די שריפטן אויפן האָריזאָנט" (רעפּרעזענטאַציע אין עסייען), ניו־יאָרק, 1947.
„צווישן הימל און וואַסער" (ראָמאַן) פון הערץ בערגנער, מעלבאָרן, 1947.
„יידישע ניגונים ווי איך האָב זיי געהערט און געזען" פון משה גוטמאַן, (בריסל, 1947.
„דאָס לעבן וואָס לעבט אייביק" (מלחמה באַלאַדע) ל. מילער, ניו־יאָרק 1942.
„וואָלט וויטמאַן" (לידער) — יידיש פון ל. מילער, ניו־יאָרק, 1940.
„דאָ איז מיין היים" (געקליבענע לידער און פּאָעמס) ל. מילער, ניו־יאָרק 1939.
„50 יאָר בונד" (יובילעאום אויסגאַבע „אונזער צייט"), ניו־יאָרק, 1947.
„הימל און ערד" פון דאָראַ טייטלבוים, ניו־יאָרק, 1947.





פּראָפעסאָר סאַלאָמאָן מיכאָעלס
סקולפּטור פון אַ באַקאַנטן סאָוויעטיש־יידישן קינסטלער



שטיללעבן פון אלפרעד וואלמארק פון אויסשטעלונג אין בן-אורי גאלעריע

אפהאנדלונג איבער דעם לאנדאנער באוואוסטן מאלער וואלמארק אין קומנדיקן נומער



י. א. ליסקי געמאלן פון אלווא

אויף זייט 56 איניקע שורות פון זעלבן קינסטלער איבער

ליסקים לעצטן בוך מלאכה בזויה

י. ביעטש

# בערל קריגט א נייע דירה

(דערציילונג)

גאַנצע צען יאָר האָט בערל „מאַשינט" ביי זיינס אַ לאַנדסמאַן פּיניע, אַ גראָבבייכיקער ייד, מיט אַ פּליך אויפן קאָפּ און אַלץ געבליבן אַן אונטער־מאַשינער. כאָטש ר'האָט זיין גאַנצע נשמה און האַרץ אַריינגעלייגט אין דער מלאכה, איז ער אָבער געווען זיכער, אַז קיין פאָלנער מאַשינער וועט ער ביי זיין לאַנדסמאַן נישט אַרויסקומען, מחמת דעם וואָס פּיניע האָט אַליין „מאַשינט" די הויפּטזאַכן און ער האָט נאָר געגעבן צו דער האַנט. הגם ער האָט געבריינגט אַ נוץ מיט זיין אַרבעט, דאָך האָט ער געפילט אַז זיין ראָל איז זייער אַ קליינע.

ס'איז אים פּלוצלונג באַפאַלן אַ ווילדע פאַרצווייפלונג, אַ פּחד פאַר עפּעס, וואָס ר'האָט זיך שטאַרק געשראָקן און צו זיך געזאָגט, יאָ, מען ווערט עלטער, די צייט שטייט נישט, און זיין האַרץ איז געוואַקסן אַפּאַרדרוס צו זיך און צו אַלעם. ער האָט זיך געחידושט, אַזוי פיל יאָרן געפּטרט אין וואָרקשאָפּ, ביי דעם גראָבבייכיקן פּיניע, געליטן כלערליי אומבאַקוועמליכקייטן, פאַרבי־טערונג, צער, און וואָס? אַמיינסטן איז אים געווען ביטער, דערמאָנענדיק זיך, וואָס ביי אים אין דער היים „טוט זיך", מחמת די גרויסער ענגשאַפט אין די צוויי קליינע שטיבלעך, אויפן דריטן שטאָק. „נישט גוט", האָט ער געמורמלט, „אַ פאַרשאָלטן לעבן". אָבער נישט געקוקט אויף דעם ווידערגע־פיל, צו זיין אָרימען לעבן און צו די קאַלטע שטיינערנע טרעפּ פּנים בילדינג אין דער איסט ענד, ווי ער וואוינט, האָט ער תמיד זיך געסטאַרעט, מיט אַ געמאַכטן פריילעכן פּנים, צו באַהאַלטן דאָס טרויעריקע, וואָס גריבלט אין זיין נשמה.

נישט בחנם איז זיין ווייב געבע שטענדיק שלעכט אויפגעלייגט. די גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער ברייגגט אַ היים מ'שטיינסגעזאָגט. ער האָט ביי זיך געטראַכט: אין לאָנדאָן מוז מען פאַרדינען, אַז אַך און ווי איז, אַז מ'קען קיין סך נישט פאַרדינען. ס'איז אים פיל מאָל אויסגעקומען צו זען, ווי זי האָט זיך שווערליך און מיד אַראָפּגעלאָזט אויף דעם איינציקן אָרעמען זאָפּ־קעלע, וועלכעס איז געשטאַנען ביים פענצטער און זיך ביטער צעוויינט, דאָס פלעגט אָפט פּאַסירן, ספּעציעל פאַר אַ יום־טוב, אָדער ווען די קינדער זיינען צו אַ „פּאַרטי" געוואָרן פאַרבעטן. ס'האָט זיך אים בעת אַזעלכע מינוטן גע־דאַכט, אַז ס'גאַנצע לעבן זיינס, באַשטייט פון טרערן און זיפצן, אמת אַמאָל אויך אַ שמייכל; אָבער דאָס האָט נאָר אויף אַ רגע אַ בליאַסק געטאָן, ווי אַן אויסגעהאַמערט בלעטל פון פּליטער גאָלד. אָבער אַמיינסטן איז זיין לעבן באַ־שטאַנען פון זיפצן און לעכצן. כאָטש זיין ווייב פלעגט אים טרייסטן, אַז עס וועט אייביק נישט זיין שלעכט, די קינדער וועלן אונטערוואַקסן... ענדלעך האָט ער אָבער געפילט, אַז ס'איז נישט די זעלבע פריילעכע נעכע, וואָס אַמאָל.





מאַריאָנעטן־פיגור

פון אַ העברעאישן מאַריאָנעטן־טעאַטער אויף אַ דורכרייזע דורך לאָנדאָן

פון ארץ־ישראל און די יידישע קעמפּס אין דייטשלאַנד

בערל האָט געוואוסט אַז קיין גרויסע בריה איז ער נישט. ר'האָט בכלל נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס אַ סך פון זיינע באַקאַנטע, וועלכע קענען וויניקער פון אים, האָבן געוואוסט איבערצוגיין אויף אַנדערע פלעצער און זיינען געוואָרן פאַלנע מאַשינערס. אמת, אַז דער דלות פייפט ביי זיי פון אַלע ווינקלען, פונקט ווי ביי אים, דאָס איז מסתמא, וואָס זיי האַלטן זיך נישט לאַנג אויף איין פּלאַץ, צוליב זייערע עקסטרעמע אַנשוויאונגען און אומגעלומפּערטע עזותדיקע גראָבקייטן. ווי זאָגט דאָס ענגלישע שפּריכוואָרט, „ראָלינג־סטאָן'ס, געדער נאָ מאָס". (אויף שטיינער, וואָס קאָלערן זיך וואַקסט נישט קיין מאָך). ר'האָט געטראַכט ווען ער פאַרדינט. וואָס זיין פריינט אַנשעל דער רויטער פאַרשפּילט אין קאָרטן און אויף די רייסעס פון די הינט. וואָלט ער געוואוסט, וואָס ר'האָט צו טאָן.

ס'איז פאַרט געווען אַ נאַרישקייט. וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט און אַלץ געאַרבעט ביי דעם גראָבייכיקן פיניע מיטן פליך אויפן קאָפּ, וועלכער האָט אים אַזוי שטאַרק דערעסן, זיצנדיק טאָג־איין, טאָג־אויס, ביי דער מאַשין אַ קעגן איבער. ס'האָט זיך אים די לעצטע צייט אויסגעוויזן, אַז דער גלאַנציקער פליך פון זיין לאַנדסמאַן, לאַכט און היצט זיך: „בערל ביזט אַ תם, אַ גולם; זעסט אָט דאָס הייסט מאַשינט"....מער פון אַלעם האָט אים וויי געטאָן, וואָס „פּייוול שצערב" דער פּרעסער, וועלכער האָט נישט פיינט דעם ביטערן טראָפּן און איז תמיד אונטערן גלעזל. פּייוועל האָט קיין אַנדערן נאָמען פאַר אים נישט געהאַט, ווי הע, יאָלד, שלים־מזל, וואָס קלערסטו אַזוי פיל, גיב זיך אַ ריר, די מאַשין ווערט קאַלט.

אָט די אַלע איבערלעבונגען, וואָס זיינען געווען פול מיט טרויער האָט געווירקט אין זיין האַרץ, אַ שנאה, אַ האַס....אַ שווערער זיפץ האָט זיך, בעת אַזעלכע פאַלן אַרויסגעריסן פון דער סאַמע טיפעניש פון זיין נשמה, בערל ביזט אַ נאַר, האָט ער צו זיך געזאָגט, כל ימיו אָפּגעווען אַ נאַר. אַ פערד וואָס גייט אין שפּאַן צובריקעט זיך אויך אַמאָל, אַ פשיטא שוין אַ מענטש. ס'האָט אין זיין מוח זיך געגראָבן אַ ביטערע מחשבה, אַז ר'האָט וואָס פאַרזען....אַנדערע פון זיין פאַך, זיינען שוין דערגאַנגען העט וויייט, האָבן נעיע רוימיע דירות, מיט אַ שיין בעל־בתישקייט, אַ סך פריינט און ער, איז פאַרגעסן, ווי פון זכרון אויסגעמעקט. ר'האָט זיך אַליין פאַרגעוואָרפן: אַ מענטש טאָר נישט זיצן אַזוי לאַנג אויף איין פּלאַץ און קוועטשן דאָס זעלבעביינקל.

אמת פיניע איז זיינס אַ לאַנדסמאַן און פון איין שטעטל. אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור, ווי זאָגט מען צו יעדע נאַרישקייט איז דאָ אַ גרעניץ. אַלעמאָל די אייגענע מעשה. ס'פעלט אויס מוט, אַ נאַטור אַזאַ, אַ ירושה פון זיין פאָטער עליו־השלום. וועלכער האָט תמיד געזאָגט אַז אַלץ, וואָס דער מענטש טוט מוז זיין דורכגעדרונגען מיט איין הויפּט מחשבה, מיט איין עיקר געראַנק....בטחון! ער האָט זיך פאַרטראַכט מורמעלדיק צו זיך, לאַנדאַן איז אַ שטאָט, וואו מען ווערט נישט פאַרפאַלן. זאָל זיין, וואָס ס'וועט זיין, אַנטלויפן פונם גראָבייכיקן פיניע, פון „פּייוועל שצערב" איינמאָל פאַר



אַלעמאָל. ר'מוז פּרובירן זיין מזל....ביי די ווינקלען פון זיין מויל האָט זיך באַזעצט אַן ערנסטע ביטערקייט, עפּעס ווי ער וואָלט פון ערגיץ געוואַרט אויף אַן ענטפער.

...אָבער ווען בערל איז מיט אַ צייט שפּעטער אַרויס צעקריקט פון וואַרקשאָפּ, האָט זיך אים געדרייט אין קאָפּ, אַזוי ווי ר'וואָלט געווען שיכור. דאָס פּנים האָט געפלאַמט און געטראַכט, וואָס וועט נעבע זאָגן. פּאַסירט האָט עס אומגעריכטערהייט דורך אַ קלייניקייט. „פּייוועל שצערב'ס" לצנות. אמת ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און אַליין זיך שטאַרק צעשריגן און אַביסל צופיל זיך געהיצט. ניי ווייס אַז ר'וועט נאָר קריגן די „סעק". (אָפּגעזאָגט פון פּלאַץ) און אפשר איז דאָס פאַר אים אַ גרויסע טובה. ווער ווייס?

* * *

נאָנצע טעג איז בערל אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און הינטערגעסלעך פון ווייטשעפּל אָנגעקלאַפּט וואו ס'איז נאָר געווען אַ וואַרקשאָפּ און קיין אַרבעט נישט געקריגן. עס איז פּונקט געווען אין סוף חודש פון נאָוועמבער, די טעג זיינען געווען פּאַגעדיק. אַ גרויער נעפּל האָט אַלץ אַרומגענומען, אַזוי, אַז ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די הייזער און אַלץ זיינען געמאַכט פון פּימשטיין. אַן אָסיענדיק דין רעגנדל האָט געשפּריצט. ווען בערל איז צוזאַם מיט נאָך אַרבעטער געשטאַנען אין גרייט־נאַרדן סטריט. זוכנדיק אַ „דזשאָב". אינם נעפּל האָט, ווי צולהכעיס אַרומגעטאַנצט אַ פּראַסטיקער ווינט, זיך אַריינגעריסן אין זיינע אַרבל פון דאָרט אונטערן פליי‍צע און דורכגענומען אַלע זיינע גלידער.

אין אַזאַ פאַרנאַכט שפּעט אין בין השמשות, איז ער אַהיימגעקומען, פּיזיש, צעבראָכן און חושך ווי די ערד.

נעכע אַ הויכוואויקסיקע יידינע, אַ מאָגערע, מיט אַן אָפּגעטראָגענעם בוזים, האָט באַזאָרגט מיט אומרואיקע בליקן געפאַרשט איר מאַן, אים נעפרעגט, וואָס ר'איז אַזוי צעטראָגן. זי האָט מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף איר פאַר דער צייט פאַרעלטערט פּנים, געזאָגט: אודאי, אַ שלעכטן טאָג געהאַט, זע נאָר, ווי דו זעסט אויס, ביזט זאָל גאָט היטן אפשר, נישט געזונט?"

בערל האָט עפּעס אַ ברום געטון, אַזוי, ווי איינער זאָגט, עט, נאָר נישט. אַ פאַרקילונג....אויפגערעגט און בייז האָט ער געשפּרייזט איבערן שטיבל און געמורמלט: נישט כדאי געווען, מה אנו. מה חיינו....ווי זאָגט מען, אַז דאָס שלים־מזל לאָזט נישט אָפּ אַ מענטשן, מוז מען אָנבויגן דעם קאָפּ. גאַנץ ריכטיק איז דאָס ווערטל, דער מענטש טראַכט און דער מלאך לאַכט.

דעם אָוונט האָט בערל זיך געלייגט פרי שלאָפן. ער האָט גערעכנט, אַז ס'וועט איבערגיין. אויף צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען טויט קראַנק. מען האָט געמוזט רופן דעם דאָקטאָר. וועלכער האָט אים באַטראַכט און געהייסן ליגן אין בעט. ביים אוועקגיין האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז אַ שווערע קראַנקייט און ס'וועט נעמען אַ לאַנגע צייט ביז וואַנען ר'וועט ווידער קענען אַרבעטן. אַ שווערע צייט האָט זיך פאַר נעכען אָנגערוקט. אין שטוב האָט באַלד

זיך געפילט דער רוחק אין די טעגלעכע באַדערפעניש. די פּאָר שילינג, וואָס ער האָט געקריגן פון זיין סאָסייטי האָט אפילו נישט געקלעקט אויף די פאַרשידענע קלייניקייטן.

צום ערגסטן האָט נעבעך געליטן, פון זלאַטן, מיטן אַרויפגעשאַרצטן נעזל, בערלס אַ ווייטע קרובה, וועלכע האָט איר אַלעמאָל געגעבן אָנצוהערן, וועגן אַ שטיקל עסק: „גישקשה, נישקשה, די קענסט אויך האָבן אַ בערע אין בריק־ליין־מאַרקעט, ווו אַסך אַנדערע; מען זאָגט אַז ברוך דער טויבער, די קענסט דאָך אים, טאַקע אינם זעלבן בילדינג געוואוינט, איז געוואָרן שטיין רייך, פון האָבן אַ בערע אין מאַרקעט, זיך געקויפט אַ גרויס הויז און אַ רייכן געגענט".

זלאַטע האָט פאַרצויגן דאָס קליינע קורנאָסע נעזל און מיט אַ זויער מינעלע געזאָגט: „יאָ, באַלד. ווי די גרינע מאכן אַ פּאָר פונט, אַנטלויפן זיי פון דאַנען. וויטשעפּל זעט שוין באַלד אויס. ווי אַן אַלטע מאַמע, וועלכע די קינדער האָבן איר פאַרלאָזט, זיי קומען נאָר אויף טשיקאַוועס, אַפּעמן אַ היימישן מיטאָג, אַ געלעכטער כ'לעבן. ווי ס'ציט זיי צו וויטשעפּל נאָך דעם פרעס"....

בקיצור עס וואָלט פון די אַלע טענות און עצות גאָר נישט געוואָרן, ווען נישט דער גראַבייכיקער פיניע. וועלכער האָט נישט גערוט, ביז ער האָט צו־גערעדט נעבען איבערצונעמען, דאָס רעסטאָראַנדל אין קאָמערשל רויד, וואָס פיניע האָט זיך דערוואוסט, אַז ס'איז צו פאַרקויפן. ס'זיינען געווען אַסך מניעות.... שייך צו זאָגן מניעות און אַ צאָל שוועריקייטן. אָבער אַז פיניע נעמט עפּעס אין האַנט, ברענט עס אונטער זיינע פינגער. יאָ, אַ גאָט זאַך איז עס געווען, פונקט האָט זיך אַזוי געמאַכט, ווי זאָגט מען, גאָט שיקט די רפואה פאַר יערע מכה.

עס איז דאַמאָלט געווען אַן ערך פון פופצן חדשים פאַר דער מלחמה, פון טויזנט ניינהונדערט ניינאונדרייסיק, ווען נעבע האָט מסכים געווען וועגן דעם עסק.

דאָס רעסטאָראַנדל האָט באַלד געקריגן אַ גוטן שם אין דער געגענט צוליב די גוטע היימישע מאכלים, וואָס זי פלעגט צוגרייטן. ס'איז תמיד גע־ווען גוט באַזוכט פון אַ צאָל עסערס. בערל האָט מיט דער צייט פון נישט אַרבעטן דערוואָרבן זיך, אַ שיין קיילעכדיק בייכל, וועלכעס האָט זיך שטאַרק אָנגעזען בשעת זיין גיין, ער איז מיט אַמאָל געוואָרן אַן אַנדערער, באַרוי־דעוודיקט, אַ קאָפּ מענטש, מיט פלענער. און ועל כולם אַ גרויסער ווערטל זאָגער. ער פלעגט אין די מיטאָג־שעהן, זיצן ביים סאַמע אַריינגאַנג און פאַר יעדן געהאַט עפּעס אַ ווערטל, אַמאָל אַ גראָבן וויץ. ס'זאָל בעסער שמעקן...

ס'זיינען פאַרגאַנגען וואָכן מיט חדשים. לכתחילה איז געגאַנגען שווער־לעך, אָבער נעבע פלעגט חס־ושלום זיך נישט באַקלאָגן. אדרבה, פאַרקערט. ס'האָט איר הנאה געטאָן, וואָס זיינע באַקאַנטע פלעגן איבער אים זיך וויצלען. אַז זי טראָגט די הויזן. אָבער זינט נעבע האָט אַריבערגענומען אירם אַ שוועס־



טערס אַ טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן און ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינצו־קומען יונגע־לייט, פלעגט זי אים אַרומיאָגן, אַז ס'איז איר ענג אין דער דירה. זיך ברגז'ן אַז ר'איז נאָך אַלץ דער זעלבער שלים־מזל, וואָס פריער, אים פאַרוואַרפן, אַז זיין קרובה זלאַטע, וואָס טוט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער, וואוינט אין אַ גרויס הויז, אַ סך שטובן, מיט אַ שיינער בעל־בתיש־קייט. זי האָט זיך יעדעסמאָל צעוויינט, יאָ, דאָס איז אַלץ, אַז מען האָט אַ לאַטישן מאַן.

בערל פלעגט איר, בעת אַזעלכע פאַלן טרייסטן און איר פאַרזיכערן, אַז ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט אַן אַגענט וועגן גאָר אַ וואַזשנע הויז, ר'האָט איר ביז איצט נישט געוואָלט זאָגן, געהאַלטן דאָס בסוד. אָבער איצט ערב אַ נייער וועלט מלחמה, ווי דאָס לאַנד וועט געוויס זיין פאַרמישט, וויל ער זיך איבערלייגן, וואָס זאָגסטו נעבע, הא. גלייכער אונטערוואַרטן.

נעבע האָט זיך שטאַרק געקווינקלט, סטייטש: אינמיטן דרינען ווידער אַ נייע מלחמה, דער הונט לעקט נאָך די וואונדן, פון דער ערשטער וועלט מלחמה, נאַ דיר גאָר אַ נייע....

נעבע האָט זיך פלוצלונג געכאַפּט, אַז ס'איז נאָך בסך־הכל פאַרבליבן אַ צען טעג צו די ימים נוראים, צו די מורא'דיקע טעג, ווען אַ פיש אין וואַסער ציטערט. זי האָט זיך דערמאָנט אַז איר באָבע פלעגט זאָגן, אַז ס'קומט אין מיטן אלול; איז צייט אַרומצוזען זיך.... יאָ האָט בערל אונטערגעברומט: עס גייט צו שרעקלעך מוראדיקע טעג, צו פינצטערע חדשים אפשר צו דעם שוואַרצסטן יאָר, וואָס די מענטשהייט האָט ווען ס'איז איבערגעלעבט. ווי שטייט דאָרטן אינם ראש־השנהדיקן דאַווענען, ועל המדינות בו יאמר איזו לחרב, דאָס יאָר וועלן מיר דאַרפן צוזעצן ואיזה לבאָמבעס אפשר זיינען נאָך קיינמאָל, ווי איצט אַזוי ריכטיק די אויפגעצייכנטע ווערטער. מי לחיים ומי למות.

* * *

דעם שבת אָוונט, דעם צווייטן סעפּטעמבער פון ניין און דרייסיק, האָט אינם רעסטאָראַנדל געהערשט, אַ שווערע אַלולדיקע שטימונג. אַ שרעקליכער טרויער האָט יעדן אַרומגעכאַפּט, וואַרטנדיק אויף עפּעס, וואָס קיינער האָט נישט געקענט תופס זיין. דאָס רוב, וועלכע זיינען געקומען, האָבן מיט אויפ־רעגונג, איינער ביים צווייטן געפרעגט נו, ווי איינער זאָגט, כ'האָב באַלד גע־וואוסט אַז ס'וועט אַזוי זיין.

רב לייב, אַן עלטערער מענטש אַ חובער איינער פון בערלס שול־מכובדים, וועלכער פלעגט יעדן שבת אָוונט, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פריינט קומען אויף טיי, און הגם, ס'זיינען אַלעמאָל געווען אַסך טישלעך ליידיק, האָבן זיי זיך תמיד געזעצט ביי דעם טישל, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, ביים סאַמע אַריינגאַנג צו דער קיך. רב לייב האָט געמישט מיטן לעפעלע זיין גלאָז טיי, וואָס נעבע האָט געבריינגט, נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן, געשמאַטשקעט מיט זיינע דיקע ליפּן: נו, כ'וויים... וואָס מען זאָגט,

איר געדענקט דאָך רב בערל, וואָס מען האָט געלערנט אין חומש, מלחמה לה׳ בעמלק מדור דור; ווי קומט עס, אָבער זינט היטלער דער איצטיקער רשע, איז אויפגעשטאַנען, פאַרשטיי איך ערשט, ווי טיף אָט דער פסוק באַלייכט אונזער געשיכטע.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, דער הימל טיף און בלוי. אַ ברייטער ווייסער פּאַס האָט זיך געשטרעקט סקאָסנע, ווייט איבערן הימל און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אויסגעבעט מיט ווייסער וואַטע. ס׳האָט אויסגעזען פאַנטאַסטיש ווייס, עפּעס ווי אַ כישוף וואָלט אַלץ ארומגענומען.

אויפצומאָרגנס זונטאָג, האָט נעכע צוליב אירע שווערער אַרבעט אינם רעסטאָראַנדל, נישט געקענט לאַנג טראַכטן, וועגן די אַלע שמועסן פון די פאַריקע נאַכט. ס׳האָט זיך איר עפּעס געפּלאָנטערט אין קאָפּ, מלחמה, זלאַטע, מיטן אַרויפגעשאַרצטן נעזל, וואָס טוט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער, מיט איר שיינער דירה. ס׳איז פּלוצלונג אין איר געדאַנק פאַרבייגעשוואוימען ערינערונגען לאַנג פאַרגעסענע. זי האָט זיך געחידושט, וואָס אין אירע יאָרן, מיט די אַלע איבערלעבונגען, זאָל גאָר קומען איר אויפן רעיון מעשה נערות... זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צו זיך געזאָגט: „פענסי טהעט“... וואָס ס׳קאָן אַלץ קומען אויף דער מחשבה.

די ערשטע סירענע האָט איר, ווי פון עפּעס אַ האַרטן שלאָף אויפגעוועקט, זי האָט זיך פיבערהאַפט גענומען אַריינברייגען דעם חושך אין שטוב. פאַר די פענצטער געמאַכט שוואַרצע פאַרהאַנגען פון שווערן שטאָף, די שויבן פאַרקלעבט מיט שמאָלע פּאַסן פון ברוין פּאַפּיר, אין פאַרשידענע מוסטערן, ווי זי וואָלט דעם טויט געוואָלט פאַרשלייערן, וואָס האָט פּלוצלונג אָנגהויבן שוועבן איבער יעדנס הויז.

ערשט אינם איין און פערציקסטן יאָר, ווען דער בליץ איז געוואָרן שטאַרקער מוראדיקער, מענטשן איבערגעשראָקענע זיינען ווי די האָזן געלאָפן זוכן ערגייץ וואו אַ לאָך, כדי זיך צו באַהאַלטן, איז בערל און נעכע געגאַנגען אינם גרויסן שעלטער אין קאַמערשל רויד, די פינצטערניש אין דרויסן און די האַלב טונקלקייט אינם שעלטער, האָט שווער געדריקט אויף די גרויסער מאַסע מענטשן. ווילדע געשרייען פון אָנגעקליבענעם שמערץ, האָט פון הונדערטער הערצער זיך אַרויסגעריסן. טייל האָבן געשאָלטן, טייל האָבן געטרייסט אַנדערע, אַז דער מענטש טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון אויף אַ בעסערער צייט.

בערל מיט זיין ווייב אויסגעמאַטערטע פון די לאַנגע וואַרטנדיקע שעה׳ן אין שעלטער, זיינען געבליבן, ווי פאַרשטיינערט, דערזעענדיק די נאַס אין אַ ים פון צעבראָכן גלאָז. הייזער האָבן געברענט, נידערגעשלאָגענע זיינען זיי געשטאַנען נישט ווייסנדיק וואו זייער שטוב איז געווען. די לבנה האָט ברייטלעך שפּאַצירט אינם בלויען הימל און מיט איר בלאַסן שיין באַלויכטן אַ שטיק פון דעם גרויסן חורבן.

נעכע האָט אינערלעך ביטער געוויינט. עס איז געווען אַ שאַרף, בייסנ־



דיקער געוויין, וואָס ס׳טרעפט אָפּט ביי פרויען אין מאָמענטן פון אויסערגעוויינלעכן צער. זי האָט שטיל צו זיך געזאָגט, אַז דאָס שלים־מזל, לאָזט נישט אָפּ אַ מענטשן. נו, גיי פרעג דעם רבונו של עולם קשיות. אַז דער מענטש טראַכט און דער מלאך לאַכט.

צומאָרגנס האָט בערל און נעכע, צוזאַמען מיט אַנדערע געקריגן אַ נייע דירה....

און ווען דער „וואָרדען“, דער וואוינונגס־אָפיסער האָט זיי אָנגעוויזן זייער צייטווייליקער נייער דירה, אַרויסוויזט אין אַ בעסערער געגנט, דריי שיינע ליכטיקע שטובן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, האָט זיך בערלס פאַרחושכט פנים פאַרצויגן מיט אַ וואַרעמען שמייכל: „נעכע“, האָט ער זיך צו זיין פרוי אָנגערופן, זי אויפצומונטערן אַ ביסל „וואָס זאָגסטו דערצו, אַזאַ גאַנצע מלחמה מיט באָמבעס און פליערס האָט מען געמוזט אָנסטרויען, כדי בערל זאָל זוכה זיין צו אַ נייער דירה“....

---

## יוסף הלל לעווי

# איך האָב דיך געוויגט

(געווידמעט מיין טאָכטער מעלאַ.)

איך האָב מיט באַגערן
געקושט דיך געדריקט. —
צום האַרץ ווי אַ שטערן
און האָב דיך געוויגט.

געוויגט שטיל מיט ציטער,
גאָר צאַרט אויף מיין שויס,
וויל דו ביסט ווי פליטער —
געווען פון אַ רויז....

געשרעקט ניט דערלאַנגען
איך האָב ס׳זאָל אַ הויב —
דער ווינט טון, דיך פאַנגען —
אויף זילבערנעם שטויב....

איך האָב דיך געהאַלטן
ווי ס׳זוניקע ליכט;
זאָלסט קושן די פאַלטן
מיר אוים פון געזיכט.

און דו מיין באַגערן
דערפילט האָסטו באַלד, —

נעקושט פון מיין שטערן
אראפ יעדן פאלט....

די האר מיינע גרויע
נעצופט אויס פארטרויט,
די ליפן די בלויע
נעקושט מיר ביז רויט.

איך האב מיט נעזאנג דיך
נעקושט ווי א רויז. —
באהארציקט און באנג דיך
נעווינט אויף מיין שויס — — —

## אלעס נאר וואס איך פארמאג

אוי ווי טיף און ווייט פארנאננען
זענען יידע מיד שוין שטיל,
דאכט זיך נאך א קינדערשפיל —
איז נעוועזן מיין פארלאנגען....

וואס איך האב נעוואלט דיך פאנגען
ווי א שמעטערלינג א רויז ;
רוהען נאר ביי דיר זיך אוים,
דאן פארשוועבן מיט נעזאנגען....

און אזוי שוין בין פארבליבן —
איך ביי דיר ביז היינט צו טאג ;
מיד, פארעלטערט פאר דער צייט....
אלעס נאר וואס איך פארמאג :
איז דאס ליידן פונעם ליבן, —
און די ליבע פון די לייד....

## דער דיכטער

ס׳מערט דער עושר זיין פארמעגן,
און דער קמצן קארג און שפארט, —
ס׳ויצט דער בעטלער אויף די וועגן,
און באהאלט זיך וואס ער שנארט....

נאר דער דיכטער פריי און אפן,
תמיד האלט זיין הארץ אן שרעק, —
וועמען ס׳איז נאר אנגעווארפן
שענקט ער באלד זיין הארץ אוועק....



## אליהו פאלושאק

## אונדזערע קינדער מאנען...
(דיסקוסיע)

אונדזערם א גוטער פריינט, אן אקאדעמיקער פון ווין און א געוועזענער נימנאזיע-לערער איז נישט איננאנצן מסכים מיט מיין יאנואר־ארטיקל „פונם יידישיסטישן ערב־רב". באזונדערס האט ער נעוואלט אן ענטפער אויף די פאטעטישע פראזע :

„איין לאנד — איין פאלק,
צוויי שפראכן — איין קולטור."

וואס הייסט דאס ? מיינט אונדזער נעלערנטער פריינט, ווי קענען רען אין ארץ ישראל נעמאלט זיין צוויי שפראכן, ווען אלע למודים אין די דארטיקע שולן ווערן אפגעהאלטן אין העברעאיש ?

צי יידיש, צי העברעאיש, אדער נאר ביידע שפראכן צוזאמען—די לעצטע ידיעות פון ארץ ישראל זאגן אונדז, אז אפילו דארט איז יידיש א לעבעדיקע שפראך, און אז דער קאמף קעגן יידיש איז נישט קיין גאנץ כשרער עסק. אבער צו וואס פירן אומפרוכטבארע דיסקוסיעס ? זאל ערשט ארץ ישראל ווערן א לעבעדיקער מלוכה׳שער ארגאניזם. די ווייטערדיקע אנטוויקלונג וועט אונדז ווייזן, ווי ווייט יידן קענען אין אן איינענער מלוכה אפהיטן זייערע קולטורעלע אוצרות, צו וועלכע עס געהערן אויך יידיש־לשון, יידישע ליטעראטור און וויסנשאפט.

דאס לעבן איז שטארקער ווי אלע טעאריעס. שפראכן און קולטורן גייען פארלוירן, ווען עס זיינען נישטא די מענטשן, וועלכע זיינען די באנוצער פון דער שפראך און טרעגער פון דער קולטור. פעלקער גייען אונטער, ווען זיי הערן אויף צו זיין קולטור־שעפעריש. יידן רעדן יידיש און שאפן אין יידיש אפילו היינט אונטער די שווערסטע באדינגונגען. יידיש־פאלק און יידישיידישע קולטור זיינען אפילו נאך אונדזער גרויסער טראגעדיע א נישט צו אונטערשאצנדיקע לעבעדיקער ארגאניזם.

און הלואי זאל עס אויך ווייטער אזוי זיין !....אבער נישט דאס בין איך אויסן....איך וואלט נעוואלט אונדזער פריינט דעם פעראגאג ברייננען צו וויכטיקערע פראבלעמען דא אויפן ארט. זיי זיינען זיינע, מיינע, און אונדזער אלעמענס פראבלעמען : די דערציאונג פון אונדזערע קינדער דא.

דאס יידישע קינד באזוכט די אלגעמיינע פאלקס־שולע (אדער עלעמענטאר־שולע) פון דערפרי ביז 4 א זייגער נאכמיטאג אדער נאך שפעטער. עס איז כמעט די גאנצע וואך אין א פרעמדער נישט-יידישער סביבה און איז מאנכע מאל אויסגעזעצט צו שווערע געוויסנס־קאנפליקטן.

איך רעד דא נישט וועגן קינדער פון ארטאדאקסישע עלטערן, וועלכע באטראכטן דעם שול־צוואנג אלס עפעס א שטיק גלות־יאך. און גלייבן אפשר,

אַז זייערע קינדער זיינען אימון קענען געוויסע פרעמדע איינפלוסן. איך מיין דאָ די קינדער פון פּראָגרעסיוו־יידישע מענטשן, וועלכע וואָלטן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן אָן שום צווייפּאַלטיקייט אין זייערע צאַרטע נשמה׳לעך האָבן ביידעס: אַ גוטע וועלטלעכע אינטעלעקטועלע בילדונג און אַ גוטע יידיש־טראַדיציאָנעלע דערציאונג.

ווען איך זאָל ציען אַ פאַרגלייך צווישן מיין שולצייט אינם אַמאָליקן רוסיש־פּוילן און דערזעלביקער פון מיין אייגן קינד אינם פרייען מאָדערנעם ענגלאַנד, ווייס איך גאָרנישט. אויב מיר זענען איבערהויפּט געוואָרן פּראָגרעסיווער אין די לעצטע 30־40 יאָר.

שטעלט אייך פאָר אַזאַ מעשה:

אַ קינד, אַ יידיש מיידעלע, קומט אַהיים פון דער שולע אַן אויפגערעגטע מיט אַן אַנגעווייטיקט גענומיט: בכן, די לערערין האָט איר געהייסן שרייבן אַן אויפזאַץ איבער אירע דערלעבענישן פון „קריסטמאַס אינדערפרי". דאָס זיינען דערלעבענישן און דערפאַרונגען, וואָס יעדעס קריסטלעכע קינד מאַכט מיט אין זיין קריסטלעכער אָדער נישט־יידישער סביבה. דאָס יידישע קינד האָט דער לערערין דערקלערט, אַז ביי איר איז דער „קריסטמאַס מאָרנינג" נישט עפּעס אַנדערש, ווי יעדער אַנדערער וואָכנטאָג, ווען זי איז פריי פון דער שולע. און זי האָט גאָרנישט וואָס צו באַריכטן. דאָס קינד האָט זיך ביטערלעך צעוויינט: היתכן, די לערערין ווייס פּאָזיטיוו, אַז זי איז אַ יידישע, און „עס איז פון איר נישט געווען „פעיר" צו פאַרלאַנגען אַן אויפזאַץ איבער דעם דערמאָנטן טעמאַ.

דאָס קינד האָט אָנגעשריבן אַ באַריכט איבער אַן אַנדערן טאָג, אַ פּערזענלעך דערלעבעניש. וואָס האָט די לערערין נישט צופרידנגעשטעלט.

האָט די ענגלישע קריסטלעכע לערערין געטון איר פליכט? אָדער...האָט זי נאַריש געהאַנדלט? אפשר איז זי גאָט די נשמה שולדיק? די שולד קען אויך ליגן וואו אַנדערש. וואו ליגט די שולד?

ענגלאַנד אָדער דאָס פאַראייניקטע קעניגרייך איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע מיט אַ גרויסער ליבעראַלער און דעמאָקראַטישער טראַדיציע. איינער פון די טיטלען פונם ענגלישן קעניג איז „פאַרטיידיקער פונם גלויבן", נאַטירלעך פונם קריסטלעכן גלויבן. ענגלאַנד אַליין באַצייכנט זיך אַלס קריסטלעכע מלוכה, און עס קען זיין, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט אויס ווערט אויך די שולע באַצייכנט און באַהאַנדלט אַלס קריסטלעכע. ביי דער קאָנפעסיאָנעלער איינשטעלונג פון דער באַפעלקערונג און דער ראָלע, וואָס די הויפּט־קירך — די אַנגליקאַנישע — שפּילט אינם מלוכה־לעבן דאָ, איז די אויבן־דערמאָנטע באַצייכענונג לאָגיש און זעלבסטפאַרשטענדלעך.

אויך אַ דעמאָקראַטיש לאַנד האָט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען לאָיאַליטעט פון אַלע זיינע בירגער און איינוווינער. אָבער עס וועט נישט אַרויפלייגן קיין צוואַנג אויף קיינעם אין רעליגיעזער באַציאונג. באַקאַנט איז דאָך אין דער לעצטער צייט די אָפיציעלע טאָלעראַנץ פון דער ענגלישער מלוכה צו אַנדערע



נישט פּראָטעסטאַנטישע (קאַטאָליקן און גריכיש־אָרטאָדאָקסן) און נישט־קריסטלעכע רעליגיעזע באַקענטעניש, ווי מאָהאַמעדאַנער, יידן און בודיסטן.

אין אַלע מאָדערנע אייראָפּעאיִשע מלוכות איז די פאָלקס־אָדער עלעמענטאַר־שולע אַ מלוכה׳שע אינסטיטוציע. וואו עס לערנען אַלע קינדער אָן אויסנאַם פון רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע. דאָס איז די געמישט־שולע, אָדער ווי געוויסע פּעדאַגאָגן רופן זי אָן: די סימולטאַן־שולע. דער רעליגיעזער אונטערריכט איז אַ פרייוויליקער (די עלטערן קענען אויך באַשליסן זייערע קינדער נישט צו שיקן צום רעליגיעזן אונטערריכט). דאָרט, וואו עס האָט געוואוינט אַ געמישט־רעליגיעזע באַפעלקערונג, — פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקן אין אַ גלייכער צאָל, האָבן די קאַטאָליקן באַקעמפט די סימולטאַן־שולע און געפאָדערט ריין־קאָנפעסיאָנעלע בילדונגס־אַנשטאַלטן. אַזוי איז עס געווען אין דער צייט פון דער וויימאַרער רעפּובליק אין די דייטשע מערבֿ־פּראָווינצן: רהיינלאַנד, וועסטפאַלן, רהיין־העסן, און אין פראַנקרייך און די פּראָווינצן עלזאַס־לאָטרינגען. אין שטעט אָדער אָרטשאַפטן, וואו ס׳איז געווען אַ גרעסערע יידישע באַפעלקערונג, איז ביי דער געלעגנהייט אַנטשטאַנען די יידישע פאָלקס־שולע, וועלכע איז געווען אונטער דער השפּעה פון דער יידישער קהלה אָדער קולטוס־געמיינדע. ליבעראַלער אָדער אָרטאָדאָקסישער.

איך ברענג די דאָזיקע אויספירונגען נישט כדי צו לויבן אָדער טאַדלען דעם אָדער יענעם שול־סיסטעם. מיין כונה איז צו ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט די נישט באַקוועמע לאַגע, אין וועלכע אונדזערע קינדערלעך געפינען זיך אפילו דאָ אין אַ פרייען לאַנד, און די געוויסנס־קאָנפליקטן, וואָס באַאומרוהיקן זייערע יונגע נשמהלעך.

מיר ווייסן, אַז די אַרומיקע וועלט בלייבט נישט אָן השפּעה אויף אונדז און אונדזערע קינדער. אָבער די דאָזיקע השפּעה מוז האָבן אַ גרעניץ.

ברוך השם זיינען נאָך דאָ נענגע עלטערן, וועלכע באַגייען נישט די נאַרישקייט פון טאַנצן אויף צוויי חתונות, צו פּראַוון חנוכה מיט קריסטמאַס אין דערזעלבער צייט. דאָס אויפשטעלן און אויספּוצן פון אַ באַאינקע אָדער קריסטבוים האָט קיין דירעקטן שייכות נישט מיטן קריסטנטום. דאָס איז אַן אַלטגערמאַנישער נעצנדינערישער מנהג, און מיר יידן דאַרפן זיין די לעצטע נאָכצומאַכן די דאָזיקע מנהגים, צו וועלכע מיר האָבן נישט קיין שום באַציאונג.

אָבער מיר דאַרפן זיין די ערשטע צו נעמען די איניציאַטיוו און אויסנוצן די אומגעשריבענע און געשריבענע געזעצן פון טאָלעראַנץ, וועלכע עקזיסטירן אינם פאַראייניקטן קעניגרייך פאַר אַלע זיינע בירגער און איינוואוינער. יידישע עלטערן דאַרפן זיך צוזאַמענשליסן און פאַרלאַנגען, אַז זייערע קינדער אין די גראַפשאַפטס־אָדער מלוכה־שולן זאָלן באַפרייט ווערן פון אַלע דירעקטע אָדער אומדירעקטע איינפלוסן פון דער קריסטלעכער רעליגיע.

אָדער ווען די עלטערן האָבן נישט דעם מוט אָדער כח אַזאַ זאַך צו אונטערנעמען, דאַרפן די העכערע יידישע אינסטאַנצן פון דער באָאַרד אָף דע־

פיוטים אונטערנעמען די ריכטיקע שריט און דערליידיקן דעם ענין על צד היותר טוב.

מיט דעם איז דער ענין נאך נישט אפגעשלאסן. עס בלייבט אפן די פראגע פון א יידישער דערציאונג פאר דעם יידישן קינד.

איך דערעפן דערמיט די דיסקוסיע.

אונדזערע קינדער מאנען אונדז.

## צבי ארנשטיין

# אונזערע כלי קודש די אפוטרופסים פונם העברעאישן חינוך און יהדות

ס'איז כדאי איבערצוגעבן א פאר שטריכן בנוגע אונזערע תלמוד תורות און כלי קדש דא אין מלכות ענגלאנד. און ס'וועט אויך פילע פון אונזערע יידישע לעזער אינטערעסירן צו דערוויסן זיך אין וואס פארא מאס עם־הארצות עס געפינען זיך אונזערע תלמוד תורות אונטער דער השפעה און אפוטרופסות פון די כלי קודש.

אין קיין שום לאנד וואו ס'נעפינט זיך א יידישער קבוץ שטייט נישט דאס העברעאישע ערציאונגסוועזן אויף אזא נידריקער מדרגה, ווי דא אין ענגלאנד. פאראן דא אין מלכות ענגלאנד א קיבוץ פון אן ערך 500 טויזנט יידן, כן ירבו. מיט א פעליארדע פון סתם רבנים און רבנים גאונים (נישט איינער נאר כמה וכמה). זיי האבן אבער א קנאפע השפעה אויפן יונגן דור. פאראן אויך א „דזשו'ס קאלעדזש". וואס פראדוצירט יעדע צוויי יאר פריש־געבאקענע מאדערנע דיפלאמירטע רבנים מיט גלחישע אנגעלאדענע הויכע איבערגעדרייטע קאלנערס, „מיניסטערס" בלע"ז. וואס זייער „דזשו'ס קאלעדזש" פאטענט בארעכטיקט זיי צו ווערן די אפוטרופסים פון א „אמת'ער" יידיש־רעליגיעזער ערציאונג. פאראן אויך חזנים, נאר זיי מוז מען שוין אימפארטירן פון „חוץ לארץ". חזנים מיט קולות וברקים און אקראבאטישע קונצן, נערן נישט דא אין די מקומות. און אזוינע חזנים זענען דאך די אטראקציע, די זיילן פון א „יונייטעד סינאגאג", אן זיי וואלט זיך דאך דאס גאנצע קלאפערגעצייג פון אן אנדערגעגאנגען, אן זיי דזשודאאיזם וואלט דאך פארבליבן, א שם שנתרוקן מתוכנו, אן אפגעריבענע מטבע. נו, דאגה'ט מען זיך טאקע. אט די דאזיקע אנגעווייטאגטע פראגע שטייט היינט אויפן סדר היום פון דער יונייטעד סינאגאג: וואו נעמט מען אזא חזן, אזא צאצקעלע מיט א פייפעלע? זענען דאך 6 מיליאן יידן פאר־שניטן געווארן און בתוכם אויך די בעסטע חזנים! איז טאקע כלו כל הקיצין. פינאנציעלע שוועריקייטן זענען נישט פאראן ביי דער יונייטעד סינאגאג. ווערן טאקע אט־א די אלע אויבנדערמאנטע כלי קדש פארזארגט מיט בכבודיקע פרנסות.



עס עקזיסטירט דא אויך אן אינסטיטוציע, די העכסטע אינסטאנץ פאר דער אזוי גערופענער „היברו עדיוקיישאן". וואס זייער אויפגאבע איז צו־צושטעלן צו יעדער תלמוד תורה די שוין פארסמיכעוועטע צוגעגרייטע מיניס־טערס פונם דזשו'ס קאלעדזש", אלס קוואליפיצירטע „הערמייסטערס" און לערער, פאר דזשודאאיזם און רעלידזשן. פאראן אויך לערער, „פארענערס", אפילו אין א בצמצום'דיקער מאס, וואס זענען גראד באהאבנט אין דער העברעאישער ליטעראטור און פעדאגאגיק, טאקע פשוטו כמשמעו. פארמאגן זיי אבער נישט דעם חותם פונם „דזשו'ס קאלעדזש" און אויך נישט דעם אפיציעלן הכשר פון דער אויבנדערמאנטער „היברו עדיוקיישאן" אינסטאנץ, אט די „פארענע" לערער ווערן אפילו באהאנדלט בחסד וברחמים. אבער נאר אלס „סעקאנדהענדיקע" לערער און באקומען אויך א „סעקאנדהענדיקן" גע־האלט. אויב א „פארענער פאדערט א גרעסערע שכירות ווערט ער פארביטן פון א יונג מיידל וואס האט גראד דעם חותם פון דער באָרד אָף עדיוקיישאן און לערנט א שייטל עברי דוקא מיטן ענגלישן נוסח.

א פארסמיכעוועטער מיניסטער אדער לערער, איז נאר דער וואס קען האלטן א שיינעם „סערמאן" (אין פיור ענגליש), מחמת יידיש טאר מען נישט באנוצן אין א תלמוד תורה און בפרט אין א סינאגאג. דאס איז דאך א „פאריין לענגוויטש", און למה יאמרו הגויים? רעדן יידיש אין א סינאגאג גייט דאך שוין ארויס פונם גדר פון פאטריאטיזם. און העברעאיש? דאס האט אפשר יא א שייכות מיט דזשודאאיזם און רעלידזשן. איז אבער די צרה, וואס נישט דער מיניסטער איז אין דעם באהבנט, און קהל אוראי נישט. „רבי לא שנה חייא מנין?"

דער דזשו'ס קאלעדזש גיט זיך זער פיל אפ מיט פעדאגאגיק און האלט פונם תלמודישן כלל: „תפשת מועט תפשת". א מיניסטער דארף נישט זיין באהאבנט אין דער אלטער און נייער העברעאישער ליטעראטור לכל פרטיה ודקדוקיה. ס'איז לאו דוקא. זיי לערנען אלץ, אבער קימעה קימעה, צעביסלעך, מיט א מאס, זעיר שם זעיר שם. אביסעלע חומש מיט רש"י, אביסעלע תנ"ך (איזאיא־דזשערעמאיא), מדרש, עפעס תלמוד, יורה דעה־בשר וחלב. אבער אלץ לשם „עלאקיושאן" און „היסטארי", ווייל דאס איז דאך דער עיקר שבעיקרים. מען דארף דאך עפעס האבן אן השפעה אויפן יונגען דור. אן די צאן קדשים, און בעיקר, אן די חזנים (טהע סוויט סינגערס) וועלן דאך די מיניסטערס רעדן צו די הוילע פוסטע ווענט. ווערן טאקע די מיניסטערס באזארגט יעדע צוויי יאר מיט סמיכת רבנות. א ישיבה בחור מעג ער זיין מלא וגדוש אין ש"ס, פוסקים, ווערט אן א דיפלאם פון מ.א. אדער ב.א. ניט אויפגענומען אין דזשו'ס קאלעדזש. גיבן זיך טאקע אפ, אט די אפוטרופסים, בלב ונפש פאר רעלידזשן און חינוך, למען תינוקות של בית רבן. מען רופט צו־זאמען אסיפות, קאנפערענצן, ס'קומט פאר א שקלא וטריא, ווי אזוי זאל מען זיך נוהג זיין מיטן חולם פון מה טובו? ווי אזוי זאל מען אים אויסרעדן? איז פאראן א פלוגתא. דער העברעער און נאציאנאליסט וויל אננעמען דעם

ארץ ישראלדיקן חולם. אזוי ווי למשל דער חולם אין „יוסף". זאָגן אָבער די ענגליש געבוירענע מיניסטערס „נאָ", מען דאַרף דעם חולם אויסרעדן ווי דעם „אָ" פונם ענגלישן „נאָ". און זיי מאָטיווירן דאָס אזוי. מיר זענען אפילו סימפאַטיקער פונם „זייניזם" און מיר האָבן ליב די העברעאישע שפּראַך טאַקע אהבת נפש, נאָר דערווייל לעבן מיר אין ענגלאַנד און נישט אין „פּאַלעסטיין". דערפאַר מוזן מיר זיך צופּאַסן צו דער ענגלישער אויסשפּראַך. אזוי פּסקענען די מיניסטערס, און אזוי בלייבט עס. ביי דער רעזאָלוציע ווערן די ארץ ישראל זאָגערס בטל בששים, און במילא אויך די פּאָר באַשרענקטע עברית בעברית תלמוד תורות, וואָס ווערן אויך קאָנטראָלירט פון די דערמאָנטע אפּוטרופּסים, זיי זענען אויך איינגעהילט אין א ענגלישער ראָס און מען איז יוצא לכל הדעות. מען לערנט אי עברית בעברית און אויך לשון קודש בענגליש.

און למען תינוקות של בית רבן שיקט מען אויך א דעלעגאַציע פון מיניסטערס און סתם לערער קיין ארץ ישראל (א פשיטא פאַר זייערע אייגענע הוצאות). אפשר וועט מען עפּעס אָפּלערנען א קל וחומר בנוגע חינוך און פּעדאַגאָגיק. און אגב, אויך משפּיע זיין אויף די ארץ ישראלדיקע באַקאַנטע „אפּיקורסישע קבוצים", מיטן גייסט פון תורה און דזשודאַאיזם פון ענגלישע תלמוד תורות און סינאַגאָגעס. וואָס קענען אפשר זיין א מוסטער פון דזשודאַאיזם, פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט....

זענען טאַקע א טייל פון די מיניסטערס א היימגעקומען פון ארץ ישראל מיט א ויצעקו: סטייטש! צעיאָכמערט זיך א מיניסטער אין א סינאַגאָג, און א צווייטער אין „דזשואיש קראָניקל" — היתכן? ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אז אין אונזער „זייאָן" זאָל פאָרקומען אזא הפקרות? אָן תורה און אָן גאָט וועט זייאָן קיין קיום נישט האָבן. אין אונזער בייבל שטייט דאָך בפירוש געשריבן „מציון תצא תורה", ארץ ישראל וואָלט דאָך באַדאַרפט צו זיין א וועגוויזערין, א מוסטער פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט מיט איר יראת שמים, תורה און חכמה. צום סוף זענען מיר נאָר געווען די איינציקע ענגליש־יידישע דעלעגאַציע, די אמתע פאָרטרעטער פונם רעליגיעזן יידנטום. ס'זענען אפילו געווען לערער דעלעגאַציעס פון גאַנץ אייראָפּע. אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט געוואָגט, און אפשר נישט געפונען פאַר נויטיק פריי און אָפן אַרויסצושטעלן זייער פאָדערונג פאַר אָן אמתער רעליגיעזער ערציאונג פון יידישע קינדער. מיר האָבן זיי ערקלערט אז לא זו הדרך. דאָ אין ענגלאַנד שטייען די תלמוד תורות אויף א פעסטער רעליגיעזער באַזיס. „צאו וראו"! ווענדעט ער זיך צו קהל, „הערט רבותי! איך האָב אין ארץ ישראל פאַרפירט א געשפּרעך מיט א מיידעלע פון 12 יאָר און זי נעפרענט בנוגע א סינאַגאָג, האָט זי אפילו נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס א סינאַגאָג איז. דאָס איז א פאַקט רבותי! אמת, איך האָב אויך געזעען א ליכטיקן שטראַל. איך בין געפאָרן אויף א באָס, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט צו מנחה „טיים" און דער דרייווער איז אויך צוגעשטאַנען צו אונזער מנין און



געדאַוונט בצבור. ליידער, ערקלערט דער מיניסטער, איז די אָרטאָדאָקסיע א מינאָריטעט אין ארץ ישראל. און וואָס קענען זיי שוין אויפטון? ניין, ענדיקט דער מיניסטער, ארץ ישראל אָן גאָט און תורה וועט קיין קיום נישט האָבן (איט וויל נאָט סערוויוו). און אזוי ענדלעך פאַרענדיקט דער צווייטער מיניסטער זיין בריוו צום דזשואיש קראָניקל, „חי אני" (עס אי ליוו) איך באַנוץ מיך מיט גאָטס אויסדרוק, ארץ ישראל וועט אָן דזשודאַאיזם נישט עקזיסטירן קענען."

אגב, איז אין דזשואיש קראָניקל אצינד „ליהודים". דעם מיניסטערס בריוו האָט אַרויסגערופן א לעבהאַפטע פּאָלעמיק מיט פרושים און תלי תלים של הלכות. מאי קא משמע לן דער מיניסטער מיט זיין בריוו. פרעגט איינער מיינט ער אפשר אז ע"פ דין איז איינער חייב מיתה אויב ער דרייטאויף דאָס עלעקטרישע קנעפּל און דער יידישער שטאַאט וועט מוזן אזא איינעם מקיים פּסק זיין? און א צווייטער פּסקנ'ט, אז ס'וואָלט אפשר געווען לאַניש און כשורה, ווען דער יידישער שטאַאט זאָל אָנפאַרטרויען די דזשאַרזשים די שבת און כשרות פּראָבלעמען. הכלל ס'איז לעבעדיק אין דזואיש קראָניקל. אונזערע פאָרטרעטער פון דזשודאַאיזם זוכן חלילה נישט קיין נייע דזשאָבס, זיי מיינען עס טאַקע לשמה...

אויסהערנדיק דעם מיניסטערס „דרשה" אין דער סינאַגאָג און ליינענדיק דעם דזשואיש קראָניקל האָב איך זיך געטראַכט אז ס'איז אפשר א סברה, אז נישט דער מיניסטער האָט פאַרשטאַנען דאָס מיידעלע און נישט זי האָט אים פאַרשטאַנען. דאָס קלוגע ארץ ישראלדיקע מיידעלע, — מיט וועלכע די חכמי־תלמוד האָבן זיך שוין באַרימט! — וואָס איז בלי שום ספק באַהאַוונט אין יידישער געשיכטע, און רעדט א פיינעם שפּרודלדיקן העברעאיש. ווייסט טאַקע נישט וואָס א סינאַגאָג איז. בפרט פון אזא סינאַגאָג וואָס לויט דעם יונייטעד סינאַגאָגס אָרטאָדאָקסישן שלחן ערוך מעגן מיידלעך און פרויען באַשיינען דעם סערוויס אלס משוררים. פון אזא סינאַגאָג ווייס זי טאַקע אודאי נישט. אָבער וואָס א בית הכנסת איז, ווייסט זי מן הסתם יאָ. אפשר בעסער פון אָן ענגליש מיידעלע וואָס באַזוכט יאָ א סינאַגאָג אמאָל אין א יובל. און ווי וואָלט געווען דעם יידישן שטאַאט ווען אלע באַסעס זאָלן זיך אָפּשטעלן צו מנחה„טיים". און אָך און ווי וואָלט געווען, ווען דער יידישער שטאַאט פון ארץ ישראל וואָלט אָנגענומען דעם ענגלישן און דזשואיש קראָניקל דזשודאַאיזם.

זאָלן אונזערע ענגלישע אפּוטרופּסים איבערלאָזן די חינוך און יהדות פראַגע צום רב הכולל ד"ר הערצאָג, אפילו צום נערער רבין א.א. פירער אין ארץ. וואָס זענען גרעסערע בר סמכא'ס אין אזוינע ענלעכע רעליגיעזע פּראָבלעמען ווי אונזערע בלי קודש. נישקשה ארץ ישראל וועט זיך שוין איר שטעטל אָן זיי באַשטיין.

---

## אסתר קרייטמאַן

# אַ בליק אויפן פּאַריזער יידישן קולטור-לעבן

די רייזע איז געווען שענער פונם שענסטן חלום. נישט האָבנדיק געזען מיין ברודער גאַנצע אַכצן יאָר — פאַר איך איצט מיט אים צוזאַמען אין מיין באַליבטער שטאָט אַריין פּאַריז. אַ קלייניקייט, פּאַריז! וועלכער טוריסט חלומט נישט פון אָט דער שטאָט, און וועלכער מענטש, וואָס איז איינמאָל דאָרט געווען בענקט נישט נאָכאַמאָל דאָרט צו זיין.

בפרט, איצט, נאָכדעם, וואָס דאָרטן האָט געבושעוועט דער רייטש ימח שמו וזכרו!

(און אין נייצן פּערציק האָבן מיר זיכער נישט דערוואַרט, אַז מיר וועלן ווידעראַמאָל קענען, סתם אַזוי זיך, מיר נישט, דיר נישט, אויפהויבן זיך און אַביסל אַריינפאָרן קיין פּאַריז).

תחילת, ווען מ'קומט אַריין קיין פּאַריז זעט מען גאָרנישט, אַז דאָרטן זאָל עפּעס האָבן געשען.

די גאַסן זענען באַלעבאָט. און די אָוונטן זענען זיי שטאַרק באַלויכטן. די געשעפטן זענען געפּאַקט מיט די שענסטע, מיט די פיינסטע סחורות, — אויסגעשטעלט מיט פּאַריזער שיק.... זעען אויס שטאַרק לוקסוסדיק, ציען דאָס אויג פונם טוריסט, רופן אָן ווערטער, בלויז, דער גלאַנץ רעדט.

און עס קויפן די אַמעריקאַנער, און עס ווילן קויפן די ענגלענדער און אַנדערע. ווי זאָגט עס דאָרט דער פּסוק „מחשבה טובה הקב"ה מצרף למעשה". בפרט, אַז מ'קאָן אַלץ קויפן אָן „קיופּאָנס".

פונקט דאַכט זיך אַזוי לעבעדיק איז דאָס יידישע פּאַריז!

אַז מ'קומט אַריין אין אַ יידישער רעדאַקציע זעט דאָרטן אויס. דאַכט זיך, ממש יום־טובדיק. מיין ערשטער באַזוך איז געווען אין דער „נייער פּרעסע". די רעדאַקציע איז גרויס און שיין. די שטובן רחבותדיקע. מ'האָט מיך אַריינגעפירט צו מיין אַלטן פריינט, חבר נ. קעניג. ער האָט מיך באַגעגנט מיטן איינגענעם האַרציקן שמייכל, ווי אַמאָל, אין די גוטע, פאַר מלחמה־יאָרן. און ס'האָט זיך תחילת אויסגעוויזן אַז אַלץ איז ווי געווען. אַלץ ביים אַלטן. נאָר, אַז מיר האָבן אַביסל געשמועסט, און געפּרוּווט איינער פאַרן אַנדערן אויסזען פריילעך, מונטער האָבן מירביידע געוואוסט, אַז הינטער דער געמאַכטער פריילעכקייט ליגט באַהאַלטן אַ טיפער ווייטאָג, א.א.. וואָס קיין טויזנט יאָר קאָנען נישט אויסהיילן:

נישטאָ מוני נאַדלער אין דער רעדאַקציע! נישטאָ דער, נישטאָ יענער. — אָבער אָט די חברים אונדזערע געהערן נישט צו די זיפצער. נאָר צו די טוער! — און אין אַרבעט פאַרגעסט מען אַלע פּיינען. אין אַרבעט איז פאַראַן אַסך! אגב האָב איך זיך באַקאַנט מיט די איצטיקע רעדאַקטאָרן: מיטן שעף־רעדאַקטאָר, דעם ה. ווילנער. מיטן רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער ביילאַגע, דעם ה. ליטווין, און אַנדערע, קלוגע און אינטעליגענטע מענטשן,



צאַרטע און פּעאיקע. וואָס זענען אַ טרייסט — און צוזאַמען זעען זיי, אַז די צייטונג זאָל גאָרנישט פאַרלירן, נישט אין כמות, נישט אין איכות.

דער זשורנאַל „אויפסניי" אונטער דער רעדאַקציע פון דער זעער פּעאַקער ליליע בערגער מוז אויך דערשיינען רעגולער. און דאָס אַלץ פאַרערט אַרבעט און געלט.

איצט, וואָס איז מכח דער „אוניאָן"? דאָס גרויסע, פיער שטאָקיקע הויז, וואָס מ'האָט אָפּגעקויפט און וואו ס'זיינען פאַראיייניקט אַזוי פיל יידישע קולטור כוחות כן ירבו!

### מ צ י ו ן ת צ א ת ו ר ה

אויך אויפן יידישן פּאַריז היינט וואָלט מען געקאָנט זאָגן אָן ענלעכן פּסוק....

פאַראַן אין פּאַריז 11 צוגאָב שולן (און מ'עפנט נאָך), וואו קינדער לערנען זיך יידיש: פאַראַן עטלעכע יידישע טעאַטערן: פאַראַן ביבליאָטעקן, וואו מ'נעמט אַרויס יידישע ביכער צום לייענען. און מ'לייענט טאַקע גאַנץ געשמאַק גוטע, יידישע ליטעראַטור. פאַראַן אַ ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין מיט חיים גראַדע בראש. פאַראַן אַ פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן (אויך אַנדערע). מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויף איינעם פון די אָוונטן, וואָס מ'אָרדנט דאָרטן איין יעדן פרייטיק צונאַכטס. האָב איך ממש געשטוינט: דער זאַל איז געווען געפּאַקט, קיין שפּילקע נישט אַריינצוּוואַרפן. און מ'איז אַפילו געשטאַנען אין פאָרער־הויז, כדי אַריינצוכאַפּן אַ יידיש וואָרט. — און יונגע מענטשן זענען עס געווען, בחורים מיט מיידלעך. עס האָט דערמאָנט אָן די גוטע, אַלטע צייטן פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן, וואָס האָט אַזוי גערן און אַזוי זשעדנע געקוויקט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיט דער יידישער קולטור.

און אָט בין איך געווען אין איינעם פון די פילע קינדער־היימען פאַר אונדזערע יתומים'לעך.

אין מיטן פון אַ וואַלד מיט גאָלדענע האַרבסטיקע ביימער, אַלטע ריזן אַזעלכע — שטייט אַ הויז. וואָס איז באמת אַ פּאַלאַץ. און דאָרטן אין אָט דעם פּאַלאַץ, וואָס איז אויך געשטאַנען איינגעהילט אין אַ רויטלעכן שימער, פון אַ פאַרנאַכטיקער, אונטערגייענדיקער זון זענען געזעסן קינדערלעך. און האָבן געשמאַק געגעסן זייער אָוונטברויט.

דער אויפזעער, וואָס האָט אונדז וואַרים באַגריסט, האָט אונדז געבעטן צו וואַרטן אַ ווייל, מחמת די קינדערלעך טאָרן אין קיין שום פאַל נישט געשטערט ווערן.

אָפּגעגעסן זענען זיי צו אונדז אַרויסגעקומען, טייל פריילעכע, שטיפערישע, טייל ערנסטע, פאַרטראַכטע, מיט אַ קשיה אין די פאַרחלומטע אייגעלעך, מיט בליקן, וואָס קוקן ערגעץ אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין. און בלייבן דאָרטן הענגען.

עס דאַכט זיך, אַז אָט די קינדער וועלן שוין אַזוי אייביק קוקן ערגעץ מיט אַ נישט דערפרעגטער קשיה.



אסתר קרייטמאן און דארא טייטלבוים

לערער און קינדער פון יתומים הויז

נאר עס באווייזט זיך דער סעקרעטאר, דער ה' פארבער, און די קינדערלעך פארגעסן אלצדינג. זיי טוען זיך א לאז צו אים, ווי צו אן אייגענעם גוטן טאטן. זיי נעמען אים ביי די הענט, רינגלען אים ארום, און טוישן זיך מיט זיינע הענט. גיבן אנדערע קינדער אויך א געלעגנהייט. עס איז א גרויסער, גרויסער שאד נאר, וואס דער מענטש האט נישט הונדערט אנשטאט איין פאר הענט.

אפגעפרייט זיך מיט די ליבע קינדערלעך, אויסגעקושט זיי. זענען א טייל פון זיי צוריק אריין אין הויז וואו מ'גיט זיי א לעקציע א שטיק פארן שלאפן גיין. א טייל האבן אונדז באגלייט ביז העט ארויס.

פאר מיין אוועקפארן האב איך נאך באזוכט די רעדאקציע פונם „ארבעטער ווארט".

און ווידער ס'אייגענע, ווידעראמאל א הארציקע באציאונג מצד די רעדאקטארן: ל. דאמאנקעוויטש, און יוסף פרידמאן. — ווידעראמאל זעט זיך ערנסטע, אינטענסיווע ארבעט און א גוטע, ליבע באציאונג צום יידישן שרייבער, צום יידישן ווארט.

מיר איז א גרויסער שאד, וואס כ'האב צוליב מיין קראנקהייט נישט געקענט באקענען זיך נענטער מיטן יידישן לעבן פון אלע שאטירונגען אין פאריז, מיט דער יידישער קולטור ארבעט, אויף אלע געביטן, מחמת דאס, וואס איך גיב אייך דא איבער איז נאר פון איין ווינקל, און דאס דאזיקע ווינקל, איז ווייט נישט אינגאנצן אויסגעשעפט.

אסך, גאר אסך קען מען שרייבן מכוח די יידישע מאלער אין פאריז.



בשעת איך בין דארט געווען זענען גראד געווען עטלעכע אויסשטעלונגען, וואו ס'האבן אויסגעשטעלט, אדער באטייליקט זיך אין קאלעקטיווע אויסשטעלונגען, יידישע מאלער מיט א פארנעם. עס האט אויסגעשטעלט מארק שאגאל. אין איינער א קאלעקטיווער אויסשטעלונג האבן זיך באטייליגט מאני קאץ, גערא און אנדערע.

אויף אנאנדער קאלעקטיווער אויסשטעלונג זענען מיר בילדער פון פיקאסע ביז אסתר קארפ. א דריטע אויסשטעלונג, אויך א קאלעקטיווע, פון בלויז יידישע מאלער, און טאקע אויף נומער „14". עס האט זיך אויך נעגרייט אויסשטעלן דער יונגער מאלער מארקל.

איצט, וואס הערט זיך עפעס מכח דעם צארטן און פיינעם קינסטלער בען? — אבער, וועגן אים, וועל איך נאך שרייבן באזונדער. (גערא, איז בענס פרוי. איר הויפט סוזשעט איז פייזאשזן.)

הארט פאר מיין אפפארן האב איך נאך ביינגעוואוינט א רעפעטיציע פון חיים סלאוויסעס נייע פיעסע: „די נקמה־נעמער" אונטער דער רעזשי פונעם גוט באקאנטן יאנאס טורקאוו, וועלכער איז אגב אויך פארנומען מיט פיינער, קולטורעלער ארבעט (דערמיט עפנט זיך דער ווינטער סעזאן אין „יקוט" טעאטער אין פאריז. צוזאמען מיט זיין פרוי, די טאלאנטפולע דיאנא בלומענפעלד און ידידיה עפשטיין, גיבן זיי דארט א ריי קאנצערטן. איך האב פון זיי נעהאט גרויס הנאה. הכלל עס לעבט זיך אין פאריז! מ'קאן זיך דארט נישט נודיען! מ'לאזט אייך פשוט נישט. און דער ווינטער סעזאן דארף זיך ערשט אנהויבן...

היינט מכח די שרייבער? וועגן זיי וואלט מען געדארפט שרייבן א באזונדער קאפיטל. איך וויל דא בלויז דערמאנען, אז עס שאפן דא אזעלכע כוחות ווי חיים גראדע, משה שולשטיין, מרדכי שטריגלער, ב. שלעווין, צו דערמאנען בלויז א פאר פון זיי.

א באזונדער ארט אינם פאריזער קולטור לעבן, פארנעמט זיכער, אונדזער כ׳יל ארנסאן. ער שווימט ממש אין א וועלט פון קונסט. זייענדיק אליין א קונסט קריטיקער, א פיינער, א צארטער עסייאיסט, פילט ער זיך אין די אייביקע בילדער־גאלעריעס און מוזעאומס ווי א פיש אין וואסער. רק ער נישטערט אויף די קאנוועסן, אין דער ליטעראטור, אין די מוזעאומס, און געפינט ער עפעס פון א קינסטלערישן ווערט, וועט ער שוין נישט רוען, ביז ער וועט עס נישט געבן קיין תיקון. מכח זיך טראכט עפעס דער מענטש גאר נישט.

— ווען קומט איר אריבער אביסל, צו אונדז קיין לאנדאן? — פרעג איך אים.

— ווען דער „בריטיש מוזעאום" וועט צוריקברענגען זיינע קונסט אוצרות, פון דער „עוועקואציע" — ענטפערט ער מיר.

א מאדנער ייד? אליין איז ער פארזארגט, ווי נאר עס קאן זיין פארזארגט, א יידישער שרייבער, און נישט קיין „טויגער" דערצו. פעלט אים נישט מער, נאר דער „בריטיש מוזעאום" מיט זיין אוצר פון קונסט.

# יידישע מלוכה און „טשערטש״?

צי דארף די יידישע מלוכה זיין געאייניקט מיט אונזער תורה און לערע?

— אונזער אויסערן מיניסטער משה שערטאק און חברים, זאגן קאטעגאריש ניין: — „די טשערטש (איר הערט א שפראך!) מוז זיין אפגעטיילט פון דער יידישער מלוכה אין פאלעסטיין״...! — נאטירלעך מיר דארפן זיין אזוי „ציוויליזירט״ ווי אלע פעלקער...

„ממשה ועד משה לא קם כמשה״... ס'ווייזט אויס, אז ס'איז אמת וואס מען דבר'ט, אז דער היינטיקער „משה״ שטייגט אריבער אלע משה'ס;... נישט נאר האט ער פארפירט און פארדרייט אלע היינטיקע גרויסע פרעה'ס, דיפלאמאטן בלע״ז, נאר ער האט אויך אפגענארט „גאט״...

ווען די היינטיקע פרעה'ס האבן געשריגן „לא ידעתי את ה'״, מיר קענען נישט אייער „גאט״ און פאלק, — האט משה טשערטאק גענומען "גאט„ מיט זיין תורה און האט זיי ארומגעפירט צווישן אלע גרויסע לייט און געזאגט: „נאט, לייענט. אט האט איר שווארץ אויף ווייס, געשריבן אין אונזער תורה, אז גאט האט אוועקגעגעבן ארץ ישראל צו די יידן״. און אז „גאט האט געהאלפן״, און געמאכט ווייכט די הערצער פון די פרעה־פאליטיקער און זיי האבן אונז געגעבן „פרייהייט אויף 3 טעג״ אין מדבר... האט זיך ערשט געשטארקט דאס הארץ פון „אונזער משה״ און זאגט צו גאט: „דו האסט נישט קיין סערטיפיקאט, דו בינסט אן „אונלעגאלער עולה״ און דו וועסט מוזן פארלאזן דאס לאנד״....

מען מוז שוין טאקע האבן דעם מוט פון א היינטיקן פאליטיקער צו פארגלייכן אונזער תורה, אונזער לערע, להבדיל אלף הבדלות, צו דעם „טשערטש״, צו דער יעזואיטישער לערע...!!! א פארגלייך אביסל!

לאמיר נאר פארשטיין אין קורצע ווערטער. וואס אזוינס איז „מלוכה״? — מלוכה, שטאאט, איז אזא מין פארעם פון א קאלעקטיוו, וואו מענטשן לעבן צוזאמען און ארדענען זייער לעבן לויט פעסטגעזעצטע דינים און געזעצן. נו, פרעג איך אייך. איז נאך דא אזא דין אדער געזעץ, וואס נויטיקט זיך פאר א מלוכה וואס זאל נישט זיין דערמאנט אין אונזער שולחן ערוך?! נאך ווען די היינטיקע פאליטיקער און „ציוויליזירטע מענטשן״ האבן זיך געפאשעט מיט חיות אין וואלד — (אט ווי היינט!) — האט מען דאך שוין אונז אנגעזאגט: „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך, ושפטת צדק, צדק צדק תרדוף, למען תחיה אתה וזרעך״! און מיר האבן דאך שוין מלוכות געפירט נאך פאר טשערטאקן, און טאקע לויט אונזער אלטער קאנסטיטוציע!

די „טשערטש״, — אודאי איז דער „קלויסטער״ אהינדערניש צום אמת'ן לעבן! ווער ווייסט עס נים אז דער קלויסטער איז א נעסט פון שנאה און האס און ספעציעל צו אונז יידן! וואס האט איר דארטן אין „נייעם טעסטאמענט״



א חוץ מעשהלעך פון „טויזנט און איין נאכט״? איז עפעס דארט פאראן עפעס לאגישקייט, רעאלקייט, אמתדיקער לעבן? — די גאנצע טשערטש איז א מין רעליגיע, א הארטע דאגמע וואס פארקריפלט דער מענטשהייט.

אלס באגרינדונג, צו מיין השערה, אז די קירכע איז מלכתחלה נישט געבויט געווארן אויף „ליבע״ נאר הויפטזעכלעך אויף שנאת ישראל, קען דינען דער פאקט, וואס אין משך פון טויזנטער יארן, האבן די געטשן־דינערישע פעלקער, בשום־אופן נישט געוואלט אנערקענען די אידעע פון גאטהייט. נאכמער, פיל הערשער פון יענער צייט, האבן ספעציעל איבערזעצט די תורה און איר שטודירט, בכדי צו באקעמפן גאט, זיין תורה און די יידן. ערשט שפעטער, ווען ס'איז זיי אונטערגעקומען די געלעגנהייט פון דעם „מארטירער גאט״, און טראץ דעם וואס יעזוס איז געווען א ייד, האבן זיך די געטשן־דינער אנגעכאפט און זיך „איבערצייגט״ אין „גאטהייט״... פארוואס...? — כדי צו האבן א גוטן תירוץ, אנצופירן „קרייץ־צוגן״ און „האקן־קרייץ״־שחיטות אויף די „זינדיקע״ יידן, וואס ווילן נים אנערקענען דעם „משיח״, וועלכער איז (לויטן נייעם טעסטאמענט) א „זון״ פון א יוסף, אן אפשטאם, כלומרשט, פון בית־דוד. און אין אמתן, זאגן זיי אליין, איז יוסף נישט געווען דער טאטע... טא ווי קען דער „זון״ זיין אן אפשטאם פון בית־דוד...? און אויב יוסף איז יא געווען דער טאטע, קען דאך יעזוס נים זיין דער „זון פון גאט״... יא, וואס נאך קען די קירך געבן דעם שטאאטלעכן־לעבן, א חוץ פאבריקן פון „יידישן זייף״...?

אבער מיר, מיר האבן דאך נישט, — ווי עם־הארצים מיינען, — קיין דאגמאטישע רעליגיע! אונזער תורה און לערע איז דאך רעאלער, אמתדיקער לעבן! א חוץ דער יידישער פילאזאפיע האבן מיר דאך א קאדעקס, געזעצן וועלכע נעמען ארום דאס גאנצע לעבן. וואס נישט? — פאמיליען־לעבן, האנדל, ארבעט, פאלשע מאסן און וואגן, סאציאלע פראגע פון ארבעטער, נישט שווינדלען, נישט נעמען קיין פראצענט, נישט לייקענען, — וואס נישט? אלץ. יעדער טראט פון מענטש איז געפארעמט אין משפטים. און יעדער געזעץ איז גוט דורכגעטראכט, און איז א שטיק מאראל, א פילאזאפיע!

וואס הייסט „ציווילע געזעצן?״ — דארפן מיר עס נייען נאכמאלפעווען פון גויים, אז די גויים אליין האבן כמעט אלע זייערע געזעצן געבויט לויט אונזער תורה. נעמט צום ביישפיל דאס געזעץ פון שטראפן, סיי מאטעריעלע און סיי קערפערלעכע זיינען זיי דאך באזירט אויפן כלל פון „עין תחת עין״; דו „זאלסט טאן צום פארברעכער ווי ער טוט צו יענעם״. איז דען נישט דאס קעפן, דאס אויפהענגען אדער שיסן א פארמשפטן אין די גוישע געריכטן פאר א מארד — נישט א מין „עין תחת עין״? און דאס זעלבע די „געלד שטראפן״.

לויט „אונזער משה״ קומט אויס אז מיר דארפן ארויסווארפן, חלילה, אונזער תורה און דעם שולחן־ערוך און אונזער גאנצע רייכע ליטעראטור פון יושר און צדק! און וואס זאלן מיר טאן? — מיר זאלן פירן אונזער לעבן לויט די „געזעצן״, וועלכע, לאמיר זאגן, די מפא״י, אדער וועלכע עס איז אנדערע פארטיי וועט אויסמאניפולירן. — עס וואלט זיכער געווען אך און

ווי צו אונזער לעבן... טאקע אזא לעבן, ווי מיר האבן אין דער גאנצער וועלט, מענטשן מאכן היינט נישט קיין גערעכטע געזעצן, מענטשן מאכן גזרות...!

די היינטיקע פארפאסטע „געזעצן" זענען נישט גערעכטיקייט נאר אומערטרעגלעכע גזירות, ווייל זיי זיינען געבויט מיט אומריינע געוויסנס, אויף שקר און רשעות! די יידישע משפטים באזירן אויף אמת און גוטסקייט, און ווען קיין אמתער אמת איז נישטא דאן איז נישטא קיין גערעכטיקייט. דאן איז א סדום־וועלט און ענדיקט זיך מיט חורבן....

און כדי צו דערגרייכן דעם אמתן אמת. מוז מען זיך האלטן אן דעם כלל פון אונזער גרויסן הלל הזקן: „טו נישט יענעם וואס דו האסט פיינט". איך וויים אז, משה טשערטאק האלט אויך פון דעם כלל: אוי, האט ער זיך געבייזערט אויף זיינע ענגלישע ארבעטער פריינט, וועלכע האבן אים אפגענארט אין זיין פאליטיק! — ער האלט אבער ניט פון דער צווייטער האלבער. נאך האט מען „דעם האז נישט געכאפט"; און ווער ווייסט צי משה שערטאק וועט זיך נישט דארפן בייזערן אויך אויף די „יונא"־לייט...— און שוין מאכן זיי פון זייערע אייגענע ווערטער: „הייליק־לאנד!", „אונזער בייבל־לאנד!", — א חוזק און שפאט....!

אנדערע קריטיקירן, אז מיר רעדן בלויז שטענדיק פון 3 מצות: שבת, טהרת המשפחה און כשרות. געוויס, האט דאס גלות־לעבן גורם געווען צו פארמינערן און פארשמעלערן די ברייטקייט און טיפקייט פון אונזער תורה. אודאי, זיינען די דערמאנטע דריי מצות די יסודות פון יידנטום. אבער דער פונדאמענט אליין איז נאך נישט גענוג. עס פאדערט זיך אנצובויען אויף אים א בנין! — טא אדרבא, באווייזט וואס איר קענט! שאפט א סנהדרין פון „אנשי אמת, שונאי בצע", וועלכע זאלן אויף די „יסודות„ אויפבויען דעם גרויסן שיינעם יידישן בנין, וואס זאל זיין א מוסטער פאר דער וועלט! — וועט מען זיך דערהויבן צו אזא מדרגה...?

דער אונטערשייד פון „גאולה" און „גולה", איז מער נישט דער „א", דער „אלף" מיט וועלכן „א"לקים האט באשאפן די וועלט אויפן יסוד פון ׳א׳מת, ׳א׳הבת לרעך. ווען ס׳פעלט דער אלף אין „ג׳א׳ולה" דאן איז „גולה", חורבן... און דער אמת מוז אויך זיין אמתדיק; די ריכטער, די פירער, דארפן זיין „אנשי אמת, שונאי בצע" א.א.וו. עס מוז זיין דורכאויס אמת, פון „אלף" ביזן „תאוו" (פון ׳א׳נהויב ביזן ׳ס׳וף); ווארים אויב גלייך ביים אנהויב נעמט מען אראפ פון אמת דעם „א" דאן בלייבט מער נישט ווי (א)—„מת" — טויט....

אונזערע משפטים זיינען דערפאר רעאל, גערעכטע, ווייל זיי ענטהאלטן אין זיך דעם אלף פון ׳א׳לקים זינט דער וועלט באשאפונג ביז צום סוף. די געזעצן וואס זיינען יושר און צדק זיינען אונזערע, ווייל זיי טראגן אויף זיך דעם סטעמפל פון גאט — חותמו של הקדוש ברוך הוא — אמת!

(סנהדרין כ"ד)



אלווא

## אן אינטערעסאנט בוך

א בוך וואס פרואווט צו באטראכטן אן אינטערעסאנטן ענין אויף אן אינדיווידועלן שטייגער איז אוודאי נישט קיין טעגלעכע דערשיינונג אין אונזער לאנדאן, און דער לעזער וואס האט גערן געלייענט ליסקי׳ס פריער דערשינענע ביכער וועט אויך געפינען אין זיין נייסטער שאפונג זיין אלטע, זאפטיקע שפראך און זיינע אומגעוועהנלעכע און אויסטערלישע מעטאפארן, למשל:

„די ווערטער האבן אים אנגעהויבן דערמאנען אין דעם אויסגעמערגלטן בוזעם פון אויסגעלאסענע, אלטע ווייבער און אין די אויסגעמארכוועטע פנימער פון צעבראכענע הולטאיעס...."

מיט דעם אלעמען רעכנט מען זיך אין פארויס, אז מען נעמט אין די הענט אריין א פריש בוך פון ליסקי׳ן. איך וויים מען, אז ער האט ליב צו אונטערברעכן דעם פלוס פון א דערציילונג, כדי צו געבן א געלעגנהייט פאר זיינע אזוי אויסדרוקספול געצייכנטע כאראקטערן צו דיסקוטירן פארשידענע פראבלעמען; און אזוי ווי די דאזיקע דערציילונג שילדערט די סביבה פון יידישע שרייבער א.א.וו. קען מען זיין זיכער, אז עס פעלט דעם מחבר נישט קיין טעמע פאר זיינע וכוחים. אוודאי איז דאס אויך די סבה פארוואס די דיספוטאציעס פארנעמען מער פלאץ דא אין דער „מלאכה בזויה" ווי ס׳איז פאר געוועהנלעך דער פאל אין א בוך פון ליסקי׳ן, און איך בין נישט אזוי זיכער צי דאס נויגט נישט אפשר צו א געוויסער סטיליסטישער קאנגרואיטעט און ס׳דאכט זיך מיר, אז ליסקי טוט דאס בפרט, ווייל מ׳ווייסט, אז פלעגט זיך תמיד ראנגלען צו שאפן א פערפעקטע פארם. אדער אפשר געפינט זיך דער שליסל אין דעם מחבר׳ס אייגענער הקדמה, דארט שטייט אז „...ער מוז דערנאכדעם די אבסטראקטע אידעען אנטאן אין בלוט און פלייש, אין קאנקרעטע געשטאלטן".

איך וואלט אפילו געזאגט, אז ער קען ארויסברענגען די „עסטעטישע און עטישע אידעען" א סך ווירקונגספולער און קינסטלעריש ווערטפולער דורך אנטוויקלען און באווייזן זיי אויף א סימבאלישן אופן בעת דעם גאנג פון דער דערציילונג (לויט דער עקספאזיציע וואס דער מחבר מאכט אין דער הקדמה פון דעם באנוצן סימבאלן אין דער קונסט) באטשע אמאל מעג עס זיין צארט אנגעצייגט ברמיזה. זיין לאבארינטישער זאץ־בוי, וואס שפרייט זיך אוים ווי א געשפינס־געוועב קומט אים גוט צונוץ פאר דעם. מען בעדארף נאר צו ליינען די לעבעדיקע סצענעס אין דריטן קאפיטל צו איבערצייגן זיך, אז ליסקי קען ארייגוועבן און אנדייטן „עטישע און עסטעטישע" געדאנקען אין אזא באוועגטער האנדלונג און מאלן גלייכצייטיק א געמעלדע מיט זאפטיקע פארבן, א בילד וואס הייבט זיך ארוים ווי א מין נקודה עליונה פון די פארשידענע סצענעס, וועלכע ווערן צענויפגעקניפט פון דעם אנהויב און דעם שלום־בילד, ווי מיט א שלים־העקל.

### יצחק ווינער (עסטרייך)

## א גרוס אין טרויער

דעם 10־טן יאָרטאָג פון מיין חבר טוביה אייזען — געפאַלן אין שפּאַנישן בירגערקריג דעם 16־טן פעברואַר 1938 — געווידמעט

פאַלט א ווייסער שניי אינדרויסן,<br>
ווערן ווייס אין שטוב די ווענט:<br>
וויל איך שרייבן וועגן ווינטער —<br>
פאָלגן מיך נישט שטייפע הענט.

הויב איך טראַכטן וועגן נאָנטע,<br>
פריינט פון שול, פריינט פון גאַס....<br>
איינער זיצט אין תפיסה יאָרן —<br>
ציילט די טעג מיט בלוט, מיט האַס....

איינער איז אוועק קיין שפּאַניען,<br>
שטילערהייט און שטרענג געהיים....<br>
נישט דערלויבט איז אים געווען —<br>
זיין מיט מאַמען אינדערהיים....

שרייבט ער מיר א בריוו אצינדערט,<br>
הייסע ווערטער פון דער ווייט:<br>
— „ב'קען שוין שיסן, צילן, טרעפן,<br>
יעדן טאָג צום אָפּמאַרש גרייט"....

לעז איך, לעז איך הייסע ווערטער,<br>
ווערט מיר וואַרעם אין מיין גוף:<br>
וואַרט אן „אינטערן־בריגאַדע" —<br>
גרייט צום אָפּמאַרש, גרייט אויף רוף — — — — — — — — — — — — —<br>
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לייפן וואָכן, מאַי איז, פרילינג,<br>
קומט א בריוו פון ווייטער ווייט:<br>
— „ר'איז אין קאַמף — א העלד געפאַלן" —<br>
געשריבן, מיט א צווייטנס האַנט....



## אין רעדאַקציע „לשון און לעבן" אין לאָנדאָן

כמו א בריעף.

מיינע וואַנדערונגען זייט דעם יאָר 1939 האָבן מיך פאַרפירט אויך אהער קיין מאַנטשעסטער. אזוי ווי איך האָב די לעצטע צוויי יאָר פאַר־ברענגט אין נייעם פּוילן און באַטייליקט זיך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט אויף מיר דאָס הינע ביסל יידישקייט געמאַכט א זער שטאַרקן איינ־דרוק.

אין דעם חרוב געוואָרענעם פּוילן, וואו פון דריי מיט א האַלבן מיליאָן יידן זענען איבערגעבליבן וואוינען, רעפּאַטריאירטע פון ראַטנפאַרבאַנד, א הונ־דערט טויזנט. וואו יידישע משפחות האָבן נאָכן צוריקקומען נישט געטראָפן מער קיין אַלטע היים און באַזעצט זיך לרוב אויף די צוריק באַקומענע מערב־געביטן פון נידערשלעזיע. יידן, וואָס האָבן באַדאַרפט אָנהויבן זיך איינאָרד־נען פון אָן אלף, זענען צוגעטראָטן, ביי די שווערסטע מאַטעריעלע באַ־דינגונגען, רעאַליזירן אויפגאַבן, וואָס האָבן איבערגעשטיגן ווייט זייערע מעגלעכקייטן. אין פאַרלויף פון די צוויי נאָך־מלחמה יאָרן אויפגעבויט א נעץ פון פאַרשידענע טיפּן יידישע שולן, צווישן וועלכע ס'פאַרנעמט דעם אויבן־אָן די פאָלקסשול מיט דער יידישער אונטעריכט שפּראַך.

אין דעם פּוילן, וואו ביי דער גאַנצער מאַטעריעלער פאַראָרעמטקייט דערשיינען פיל צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער אין דער יידישער שפּראַך, פאַרשפּאַרט מען דערוויילע צו אַגיטירן צו ווערן „פריינט פון יידיש". מען האָט אויך איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע צו דעבאַטירן די פראַגע צי יידיש וועט האָבן א קיום.

דאָרט האָט באַקומען דאָס וואָרט דאָס יידישע קינד, וואָס ווערט דער־צויגן אין דער מוטער־שפּראַך. ביז וואָס־וועגן וועט אָט דאָס דאָזיקע יידישע קינד ווערן דער קאָנסומענט פון יידישן געדרוקטן וואָרט. אזוי ווי עס פאָ־פּולאַריזירט שוין אין זיין היים, ביים שכן און אין שטאָט דאָס יידישע בוך, צייטונג און זשורנאַל. דאָרט קומט צו „דערווייל" א דור יידן, וואָס וועט זיך באַנוצן מיט דער אייגענער שפּראַך, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם צי מען וועט אים פאַררעכענען צו די פריינט פון יידיש...

ווערן טאַקע נעעפנט יידישע ביבליאָטעקן און יידישע קולטור־אינסטי־טוציעס: אַלגעמיינע און פּאַרטייאישע.

איצטער גיט א קוק קיין מאַנטשעסטער. א שטאָט וואָס האָט שוין באַלד אזוי פיל יידן ווי נידערשלעזיע. קיין וואָרט יידיש הערט איר נישט אפילו אויף קיין רפואה. ווי א נייער שבט יידן! קיין יידישע שול איז נישטאָ. עפּעס אַן איבערגענוצעוועט חדר, וואו מ'לערענט ברכות אויף לשון־קודש פאַרטייטשט אויף ענגליש, דאָס איז דער איינציקער דערציונגס־אַנ־שטאַלט פון יונגן דור יידן.

קיין יידישע צייטונג נישטאָ. „די צייט" און האַלב־ענגלישע „וואָכנ־

צייטונג" מיט מאַגערע ידיעות וועגן מאַגערן יידישן לעבן אין ענגלאַנד ווערן דאָ געלייענט אפשר דורך א מנין יידן. „לשון און לעבן" ווערט פארשפרייט, אין א שטאָט וואָס ציילט פערציק טויזנט יידן, ארום זיבן עקזעמפלארן. קיין יידישע ביבליאָטעק נישטאָ.

וואו זענען זיי די „פריינט פון יידיש" אין ענגלאַנד?
פאר וועמען לאָזט מען דאָ ארויס דרוקזאכן אין דער יידישער שפראך?
צי טאַקע בלויז פארן ייווא?
צו וואָס־זשע דעבאַטירן דאָ וועגן קולטור־פראַגעם?
וואָס פאר א נפקא מינה איז טוביה'ס פערדל צי האָבער איז טייער, צי האָבער איר וואָלוול, אז קיין האָבער זעט עס אליין איינס נישט פאר די אויגן?

מיט אכטונג,

מ. אלמאן.

---

## יחזקאל נח ערליכמאַן

## חסידישער פאָלקלאָר

ערשטע סעריע: — „די אלטע קאַצקער" — ג. מיתת נשיקה

א צווייטע מעשה, וואָס האָט צו טון מיט „שיין געשטאָרבן" — „לעת מצוא זו מיתה" — וועל איך איצט בעשרייבן; א געשיכטע, וועלכע עס האָט מיר איבערגעגעבן מיינער א פריינד, עזרא באַנגער פון אזארקאוו, פוילן. די מעשה וועל איך בעשרייבן אזוי ווי ער האָט זי מיר דערציילט.

— איך בין דעמאָלט אלט געווען ניין אדער צען יאָר — האָט ער אָנגעהויבן — און כ'האָב געגעסן און געשלאָפן ביי מיין זיידן, און מיט אים געגאַנגען אין גערער שטיבל אריין, וואו עס האָבן אויך געדאווענט עטלעכע פון דער אלטער חבריא קאָצקער חסידים. צווישן זיי איז געווען איינער, וואָס מען האָט אים גערופן אברהם'לע רחל'ס — ווי מען איז געוואוינט אין די קליינע שטעטלעך צו רופן די מענער אויף זייערע פרויענס נעמען, די אשת־חיל'טעס....

און כאָטש ער איז געווען אין די עלטערע יאָרן, האָט ער זיך געהאַלטן פריש און געזונט, שטענדיק גוטמוטיק און פריילעך. עס איז געווען אנגענעם צו זיין אין זיין סביבה.

מיטאמאָל, אין א ווינטער־טאָג, דערציילט מען אין שטיבל, אז ר' אברהם'לע פילט זיך נישט געזונט און אז דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט נישט ארויסצוגיין פון דער שטוב. א טייל שטיבל־מענטשן און אויך מיין זיידע זענען געגאַנגען אים מבקר־חולה זיין. ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי געזאָגט, אז עס איז זיך גאָרנישט צו זאָרגן פאר זיין געזונט. ער איז אביסל צוגעקילט און דאַרף זיך אויסשוויצן און אין א טאָג צוויי וועט ער זיין צוריק געזונט.

נאָר פרייטאָג, צו קבלת־שבת, האָט מען שוין געשמועסט, אז ער איז



זער קראַנק, און אז קענן זיין ווילן האָט ער שוין געמוזט זיין א גאַנצן טאָג אין בעט. אויך צומאָרגנס, שבת בייטאָג, איז אלץ געווען דאָס זעלבע שמועסן, אז ר' אברהם'לע איז זער געפערלעך קראַנק.

נאָכ'ן דאַווענען — איך בין אהיימגעגאַנגען צוזאַמען מיט מיין זיידן, געמאַכט קידוש און געוואַשן זיך צו דער סעודה — איז אריינגעקומען א יונגערמאַן און האָט געזאָגט, אז ר' אברהם'לע האַלט שמאָל און בעט, אז דער זיידע מיט די אנדערע חסידים זאָלן באַלד אריינקומען צו אים. דער זיידע האָט זיך אָנגעטון דעם פוטער און איז געגאַנגען. איך האָב אויך געוואָלט גיין, נאָר דער זיידע האָט נישט געלאָזט. ער האָט געזאָגט, אז איך זאָל פריער עסן און בענטשן, דערנאָך קאָן איך אהינקומען. איך האָב אזוי געטון: צוגעאיילט זיך אביסעלע מיטן בענטשן, און גלייך אהינגעגאַנגען. און אזוי ווי איך האָב שוין געהאַט, רחמנא לצלן, פריער בייגעוואוינט אזעלכע מצבים, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט א בילד, ווי ר' אברהם'לע ליגט אין בעט און פּאַכעט מיט דער נשמה, דאָס ווייב און קינדער שרייען און וויינען און אזוי ווייטער. אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב געעפנט די טיר! איך האָב געטראָפן א גאַנץ אנדערע מערכה. ארום דעם טיש זענען געזעסן אָן ערך צען אָדער צוועלף חסידים, טייל אין סאַמעטענע היטלען, טייל אין די שטריימלען. אויבן אָן איז זיך געזעסן ר' אברהם'לע, אָנגעטון אין א כאַמעטענעם כאַלאַט מיט דעם שטריימל.

ביי יעדן פון די חסידים, און אויך ביי ר' אברהם'לע, איז זיך געשטאַנען א ליידיקער טעלער מיט א פּאָר גרעיט פון פיש. קענטיק, אז מען האָט ערשט געענדיגט די פיש. איינער פון די חסידים האָט געזונגען „אסדר לסעודתא" און די אנדערע, אויך ר' אברהם'לע, האָבן מיטגעהאָלפן און צוגעברימט.

די פרוי האָט זיך געפּאָרעט אין דער קיך, און דער משרת איז אריינגעקומען צוזאַמענגענומען די ליידיקע טעלער און געברענגט אנדערע מיט ציבעלעס און פיש פאר יעדן איינעם; נישט אדורכגעלאָזט ר' אברהם'לען. דערנאָך האָט מען אריינגעברענגט די הייסע טשאָלענט־קאַשע מיט א פעטן קוגעל, און דערנאָך דאָס פלייש. און פון די אלע מאכלים האָט מען נישט פאַרפעלט צו געבן ר' אברהם'לען, וועלכער איז זיך געזעסן און געגעסן, גלייך מיט אלע.

איך בין געשטאַנען און געגאַפט. וואָס טוט זיך דאָ?!

דערנאָך זאָגט ר' אברהם'לע, אז מען זאָל אויך זינגען די זמירות „יום שבתון" און „דרור יקרא"....

געוויינלעך פלעגט מען די דאָזיקע זמירות נאָר זינגען אין שטיבל צו שלוש־סעודות.

נאָכן זינגען האָבן זיי זיך געוואַשן מים־אחרונים און ר' אברהם'לע האָט געבענטשט ברכת־המזומן על הכוס און געטרונקען רוב כוס. און דערנאָך — יאָ, דערנאָך!

ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס כוס אויפן טיש, גאַנץ רוהיק צוגערוקט

די שטול צו זיין בעט, וואָס איז געווען אין דער זעלבער שטוב, אויסגעטון דעם כאַלאַט מיטן שטריימל, אַנידערגעזעצט זיך אויף דער שטול און אראָפּגעצויגן די שטיוול פון זיינע פיס, און ביים אריינגיין אין בעט, זאָגט ער: „נו, קומטס נענטער!“

אַלע זענען באַלד צוגעגאַנגען. איך, אַלס יונגל, בין געשטאַנען פון דער ווייטנס און האָב נאָר געהערט די צוויי ווערטער: „שמע ישראל“. אָבער אַלע, וואָס זענען געשטאַנען ביים בעט, האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן געהערט דעם גאַנצן פסוק. און אַזוי, אַן אַן אַך און אַן אַ קרעכץ, האָט ער אויסגעהויכט זיין כשר'ע נשמה.

עס האָט מיר אַדורכגעבליצט דורכן מוח די רש"י ביי אהרן־הכהן'ס פטירה, אַז משה האָט צו אים געזאָגט: „ציי אויס די הענט, פאַרמאַך דאָס מויל, שליס צו די אויגן“....

מען האָט מיך אָבער נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן, ווייל אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז עס קאָן זיין ער איז נישט טויט. מען האָט מיך געהייסן שנעל לויפן נאָכן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר איז טאַקע באַלד געקומען און האָט בעשטעטיגט, אַז ער איז טויט. ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ווי ער האָט געגעבן אַ קוק אויף דער שטוב, האָט ער באַמערקט ווי אויף דעם טיש שטייען אַ פּאָר ליידיקע טעלער און אַ פּאָר ליידיקע פלעשער פון ביער. פרעגט ער זיך נאָך צו מען האָט דאָ געפּראַוועט אַ סעודה. זאָגן אים די חסידים, אַז יאָ און דערציילן אים, אַז דער נפטר אַליין האָט אויך געגעסן און געטרונקען. גלייך מיט אַלע; און אַפילו מיטגעזונגען זמירות.

דער דאָקטאָר האָט געמיינט, אַז זיי שפּאַסן פון אים און רופט זיך אָפּ: „וואָס, איר ווילט מיר דערציילן מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט? ווען איך בין דאָ געווען, האַלב צוועלף אַ זייגער, איז ער שוין געווען פינף און ניינציק פּראָצענט אויף יענער וועלט; ער האָט שוין נישט געקאָנט רעדן און האָט זיך געווענדעט צו דער פרוי, וועלכע איז געזעסן איינגעקאַרטשעט אין אַ ווינקל: 'זאָגט מיר דעם אמת, וואָס טוט זיך דאָ?' די פרוי האָט קוים געקאָנט רעדן. מען האָט געקענט זען, אַז זי קעמפט מיט זיך, זי זאָל נישט אַרויספּלאַצן מיט אַ געוויין:“

זאָגט די פרוי צום דאָקטאָר: „אַלץ, וואָס איר האָט דאָ געהערט, איז ריכטיק, אמת“. און נאָך אַ קורצער פּויזע האָט זי פאָרטגעזעצט: „איך מוז מיך אָנשטרענגען נישט צו וויינען, ווייל איך וויל נישט פאַרשטערן אברהם'לן דעם שבת־קודש. נאָר איך וויל אייך דערציילן, אַז נאָך דאָנערשטאָג האָט ער צו מיר געזאָגט: „רחל'ע, מען דאַרף פאַר דעם שבת אָנגרייטן מער. פרעג איך אים: 'וואָס מיינסטו מער?' זאָגט ער: 'איך מיין, אַז דו זאָלסט אָוועקליינן אויף דעם שבת צוויי הינדלעך און זאָלסט אויך קויפן מער פיש. עס קאָן זיין, אַז שבת נאָכן דאַוונען וועלן קומען אַ פּאָר מענטשן פון שטיבל. זאָלן זיי קידוש־מאַכן און טאַקע האַלטן די סעודה אויך דאָ.'



און היינט, שבת, ווי עס איז געוואָרן טאָג, האָב איך אים געוואַשן די הענט און ער האָט געוויזן אויפן טלית. איך האָב, ווי ווייט מעגלעך, אים אָנגעטון דעם טלית און ער האָט געשעפּטשעט אַ פּאָר מינוטן און געהייסן צונעמען דעם טלית. איך האָב אים געגעבן אַ גלאָז מילך. ער האָט ווידער עפּעס קוים געזאָגט און האָט געגעבן אַ זופּ פון דער מילך און געוויזן מיט דער האַנט, אַז איך זאָל עס אַוועקנעמען. דער דאָקטאָר האָט דאָך געזען, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן! נאָר אין אַ האַלבער שעה שפּעטער, איך זיץ ביים טיש און קוק אַריין אין טייטש־חומש, הער איך זיין קלאָר קול: 'רחל'ע, גיב מיר אַרויס דעם כאַלאַט מיטן שטריימל'. איך האָב קוים געגלייבט מיינע אויערן, אַז ער רעדט דאָס. איך האָב אים באַלד געגעבן וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. דערנאָך זאָגט ער: 'רוף אַריין דאָס מיידל און זאָל זי אָפּרעכענען מיינע שטיוול פון אונטערן בעט'. איך זאָג אים: 'וואָס טויג דיר די שטיוול, דו האָסט דאָך דאָ שטיין דיינע לאַטשן?' זאָגט ער: מיט אַ שמייכל: 'אין די שטיוול טרעט איך בעסער'. מען האָט אים געגעבן די שטיוול. ער האָט זיך אַליין אויפגעזעצט, אַליין זיי אָנגעטון און געזאָגט צום מיידל: לויף אַריין צו חיים יוסעלעס, איך דאַרף אים זער נייטיק האָבן'. (דאָס איז געווען דער יונגערמאַן, וואָס האָט צונויפגערופן די חסידים.) יענער איז באַלד געקומען און ער זאָגט צו אים: 'טו מיר אַ טובה און גיי צו דעם און דעם, אויסרעכענענדיק די נעמען; אַזוי ווי איר זעט זיי דאָ. זיי זענען אַלע באַלד געקומען, און וואָס עס איז ווייטער געשען, האָט איר דאָך שוין געהערט פון זיי.“

דער דאָקטאָר איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט און רופט זיך אָפּ: „איך באַדויער זער וואָס איך האָב נישט געהאַט די זכיה דאָ צו זיין!“

זיין גוף איז שוין געווען טויט, ווען איך בין געווען אין דער פרי דאָרטן. עס האָט אָבער אין אים געלעבט דער כח פון אמונה, דער כח פון קדושת־שבת און פון דער נשמה־יתירה.

עס זעט אויס, אַז ער איז געשטאָרבן אַ „מיתת־נשיקה“....

## גרויסע פּראָפּאַגאַנדע אַקציע!

## פינף יאָריקן באַשטייַן :: לאָנדאָן :: פריינט פון יידיש לשון

די אָרגאַניזאַציע „פריינט פון יידיש־לשון“ איז מיט איר טעטיקייט דעם יידישן עולם דאָ און מחוץ לארץ זער גוט באַקאַנט. און דאָך זיינען אונדזערע כוחות נישט גענוג שטאַרק אָנצוגיין און פאָרטצוזעצן אונדזערע וויכטיקע אַרבעטן אויף דער יידישער גאַס. מיר נויטיקן זיך אין יונגע און פרישע כוחות, וואָס זאָלן אונדז העלפן איינצופלאַנצן ליבע פאַר אונדזער מאַמע־לשון, פאַר יידישע ליטעראַטור, קונסט, פאָלקלאָר און טעאַטער צווישן די יידישע מאַסן.

„פריינט פון יידיש־לשון" איז אַן אמת'ע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נישט געבונדן מיט קיין שום פּאַרטיי־פּראָגראַם, און וועמענס איינציקע אויפגאַבע עס איז אָנצוהאַלטן און צו אַנטוויקלען אונדזערע יידישע קולטור מיט דער הילף פון יידיש־לשון.

אַט דאָס זיינען די סטאַטוטן פון „פריינט פון יידיש לשון":

## ס ט א ט ו ט ן

### פון „פריינט פון יידיש לשון" — לאָנדאָן—ענגלאנד

1. דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן יאַנואַר, 1943 און טראָגט דעם נאָמען „פריינט פון יידיש לשון";
2. דער ציל פון פאַראיין איז אָנצופירן קולטור ארבעט פאַר יידיש לשון, אין וואָרט און שריפט;
3. אַנטוויקלען צווישן די יידישע מאַסן אינטערעס פאַר יידישע ליטעראַטור, קונסט, פאָלקלאָר און יידישע פּראָבלעמען בכלל;
4. איינצואָרדענען רעפעראַטן, רעציטאַציעס און קינסטלערישע אונטערהאַלטונגען;
5. דער פאַראיין באַשטייט פון צאָלנדיקע מיטגלידער, און אַ פאַרוואַלטונג, וועלכע פירט אָן מיט דער פאַראיינס־אַרבעט ערן-אַמטלעך;
6. די מינימום־צאָל פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער איז 5, באַשטייענדיק פון:
   א) פּרעזידענט,
   ב) וויצע־פּרעזידענט,
   ג) פאַרזיצער,
   ד) קאַסירער,
   ה) סעקרעטאַר.

   דאָך קען די צאָל זיין גרעסער, לויט באַשטימונג;
7. די הויפּט-אינסטאַנץ פונם פאַראיין איז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע ווערט אָפּגעהאַלטן יעדעס יאָר; די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג וויילט אויס די פאַרוואַלטונג פאַר אַ יאָר צייט.
8. אַלע מיטגלידער זיינען, לויט פאַראיינס־באַשטימונג, גלייכבאַרעכטיקט. יעדעס מיטגליד מוז פון דער פאַרוואַלטונג ווערן באַשטעטיקט.
9. דער מינימום מיטגלידס־אָפּצאָל איז 12 שילינג אַ יאָר;
10. דער אָרט פון דער פאַוואַלטונג איז לאָנדאָן, ענגלאַנד.

אין אַלע ענינים זיך צו ווענדן צום סעקרעטאַר:
E. PALUSZAK, 64 Lauriston Road, E.9.



אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע טראָגן אין זייערע הערצער די גלייכע אידעאַלן, דאַרפן זיך אָנשליסן אין „פריינט פון יידיש לשון", און אַזוי אַרום העלפן שאַפן אַט־אָ די גרויסע אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זיין בכוח פאַר היינט און פאַר מאָרגן צו זיין דער גרויסער קולטור־שאַפנדיקער צענטער דאָ אין לאָנדאָן און אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד.

ווערט מיטגלידער פון „פריינט פון יידיש לשון"!

אינם נאָמען פונם קאָמיטעט,

משה עובד
א. נ. שטענצל
י. ביעטש

## קולטור ידיעות פון דא

עס איז דערשינען אַ צווייט בוך דאָ אין לאָנדאָן פון חוה ראָזענפאַרב מיטן נאָמען „דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אַבראַם". אַרויסגעגעבן דורך דעם דיכטער משה עובד.

• • •

אַ צווייטע און פאַרגרעסערטע אויפלאַגע פונם בוך „מיין מאַמע דער סופר" פון יוסף הלל לעווי, וועלכעס האָט בזמנו אַרויסגערופן גרויס אָנערקענונג, וועט אין קירצן אַרויס פון דרוק פון „נאַראָדיצקי־פּרעס".

* *

עס גרייט זיך צום דרוק אַ בוך לידער פון אברהם פנחס ציקערט מיטן נאָמען „מיט אויסגעשטרעקטע הענט".

* *

אין דער צייט הייבט זיך אָן צודרוקן דעם חודש אַ ראָמאַן פון לאָנדאָנער יידישן לעבן מיטן נאָמען „די משפחה לאַסקער", פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי.

* *

דער באַקאַנטער לאָנדאָנער מאָלער אַלפרעד וואָלמאַרק פייערט יעצט זיין 70 יאָריקן יובל. לכבוד דעם איז איינגעאָרדנט אַ גרויסע אויסשטעלונג אין בן־אורי פון וועלכן דער יובילאַר איז אויך איינער פון די גרינדער און פאַרשטייער.

* *

היינטיקן חודש ווערט געעפנט אַ גרויסע אויסשטעלונג פונם באַרימטן יידיש־מאָלער מאַרק שאַגאַל אין דער לאָנדאָנער טעט־גאַלעריע.

* *

דער באַוואוסטער מאָלער מאַניע קאַץ, וויילנדיק אין לאָנדאָן, איז אויפגענומען געוואָרן ביי אַ גלעזל טיי פון „פריינט פון יידיש לשון".

* *

די פרוי פונם באַקאַנטן מאָלער פיליכאָווסקי ע"ה, לענאַ פילכאָווסקי, אַליין אַ מאָלערין איז פאַרגאַנגענעם חודש געשטאָרבן אין לאָנדאָן.

* *

פריינט פון יידיש לשון האָט אָפּגעהאַלטן אַן הזכרה נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן אַקטיאָר פּראָפעסאָר שלמה מיכאָעלס און געשיקט אַ מיטלייד־דעפּעשע קיין מאָסקווע.

* *

די באַרימטע שוישפּילערין און רעזשיסאָרין אידאַ קאַמינסקאַ וועט אויפטרעטן אין אַלעקסאַנדראַ־טעאַטער אין דער היסטאָרישער דראַמע „איך פאָדער גערעכטיקייט (אין דער הויפּטראָלע פון „גליקל פון האַמעלן") דעם 7־טן פעברואַר. מיר באַגריסן אידאַ קאַמינסקאַ צו איר ערשטן אויפטריט ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן.

משה עובד האָט פאַרגאַנגענעם חודש געהאַלטן אַ פּאַטראָג פאַר די יידישע סטודענטן אין אָקספאָרד.

* *

שלמה אויערבאַך האָט פאַרגאַנגענעם חודש געהאַלטן אַן אויספירלעכן פאָרטראָג איבער שלום אַשן אינם אַרבעטער־רינג וואו עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע דיסקוסיע.

* *

דער באַרימטער אַרבעטער־טוער הערשל הימלפאַרב, וועלכער וואוינט יעצט אין בריסל איז יעצט אין לאָנדאָן אין אַ שליחות וואו ער וועט האַלטן אַ רייע לעקציעס.

* *

ד״ר הלל זיידמאַן, דער באַקאַנטער אגודה־טוער און זשורנאַליסט ווײַלט יעצט אין לאָנדאָן אויף זיין נסיעה פון אַמעריקע אין די קעמפּס אין דייטשלאַנד.

* *

ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש, דער באַקאַנטער העברעאישער געלערנטער, שרייבער און רעדאַקטאָר פון „מצודה“, דער לייטער פון דער סעמיטישער אָפּטיילונג פון דער לידזער־אוניווערזיטעט איז אָפּגעפאָרן אויף אַ לעקציע־טור קיין אַמעריקע.

* *

אונזערע מענדעלע פייערונגען מיט דער באַטייליקונג פונם באַקאַנטן אַקטיאָר יידל גאָלדבערג און די באַקאַנטע זינגערין חנה מעצגער זיינען געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

* *

דער סעקרעטאַר פון דער שניידער יוניאָן, דער יידישער זשורנאַליסט י. ל. פיין איז באַערט געוואָרן מיט אַ מעדאַל פון ענגלישן קעניג, ביים הייאָריקן פאַרטיילן די טיטולען און כבודים.

* *

## רעדאַקציע-נאָטיץ

בכדי אונזער איצטיקע אויסגאַבע זאָל ברענגען צום אויסדרוק, כאָטש ווי נישט איז, אויף אַ באַשיידענעם אופן, אונזער טיפע פאַרערונג צום איצט פאַרשטאָרבענעם גרויסן שוישפּילער **שלמה מיכאָעלס**, וועלן אונז מוזן מוחל זיין די קאָלעגן: פּייוול זינגלבוים, י. א. ליסקי, אַלגאַריער, אברהם פּ. ציקערט, יצחק פערנבאַך און פּיער וואַנגעלדערן, וואָס זייערע שוין אויסגעצייכנטע אַרבעטן האָבן נישט געקאָנט אַריין אין דעם נומער.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33, בערנאַרד סטריט, א.1 — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 7־טן פעברואַר אַ גרויסע פייערונג לכבוד דעם 5־יאָריקער באַשטיין פון „פריינט פון יידיש לשון“.

שבת, דעם 14-טן — 300 יאָר גליקל פון האַמעלן און די שוישפּילערין אידאַ קאַמינסקאַ.

שבת, דעם 21־טן געווידמעט דעם דערשיינען פון חוה ראָזענפאַרבס צווייטער בוך דאָ אין לאָנדאָן.

שבת, דעם 28־טן אַ פאָרטראָג איבערן מאָלערישן שאַפן פון מאַרק שאַגאַל, און אַ פירונג דורך דער טעט־גאַלעריע.




## יידישע ביכער

**זוגעלבוים-בוך** (זאַמל־בוך)
408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער. פרייז -/21 שילינג פּאָסט־פריי.

**די יידן אין פּוילן** (פון די עלטסטע ציטן ביז דער צווייטער וועלט מלחמה). אין ערשטן באַנד אָפּהאַנדלונגען פון **א. טענעס, דר. רפאל מאַהלער, דר. יעקב שאַצקי, וויקטאָר שולמאַן.**
924 שפּאַלטן פון גרויסן פאָרמאַט. פרייז -/35 שילינג פּאָסט־פריי.

**י. ש. הערץ: די געשיכטע פון אַ יוגנט.**
640 זייטן, 80 בילדער. פרייז -/25 שילינג פּאָסט־פריי.

**בערנאַרד גאָלדשטיין: 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ.**
(באַאַרבעט דורך וויקטאָר שולמאַן).
498 זייטן, 23 זייטן בילדער. פרייז -/25 שילינג פּאָסט־פריי.

**משה גוטמאַן** (אַלעקסאַנדער): **יידישע ניגונים.**
מוזיק מיט אויפקלערונגען.
געדרוקט אויף קונסט־פּאַפּיר. פרייז -/9 שילינג פּאָסט־פריי.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:
Mr. M. KLOK,
91 Albert Road, London, N.22, (Tel. BOWes Park 4603)

פראָפּאַגאַנדע-קאָמיטעט
פון דעם
**אַרבעטער-רינג**
22 עלי סטריט, אַלדגיט, א.1
יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע
**רעפעראַטן פאָרטראָגן לעקציעס**
איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים
ווענן אַלע אינבעלהייטן זיך צו ווענדן צום גענעראַל־סעקרעטאַר:
ווער אַ מיטגליד פון אַרבעטער רינג

**„פרייע אַרבעטער שטימע“ גרופּע**
לאָנדאָן פייערט דעם
**57 יובילעאום**
**„פרייע אַרבעטער שטימע“**
מיט אַ טיי־פּאַרטי
זונטאָג 22 פעברואַר 1948 5 אָוונט
אין סערקעל הויז, עלי סטריט, אַלדגייט
פאַר אינפאָרמאַציע זיך צו ווענדן צו:
E. Michaels, 12 Cranwich Road,
London, N.16.

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד
צום באַקאַנטן אַקטיאָר פון
גרעגאָר־פּאַליי־טעאַטער, פריינט
**מאַקס בוים**
צום טויט פון זיין שוועסטער.
**פריינט פון יידיש לשון**

## ג ר ו י ס ע ר   פ א ל ק ס   ק א נ צ ע ר ט

די באַרימטע זינגערין **ברכה צפורה** פון ארץ־ישראל טרעט אויף בײַ „פרײַנט פון יידיש לשון“ **זונטיק דעם 7 מערץ 4.15** נאָכמיטאָג אין גרויסן זאַל פון **בערנארד באַראַן סעטלמענט 33 בערנער סטריט א1**

זי וועט זינגען יידישע העברעאישע רעליגיעזע און תמנישע פאָלקס־לידער!

קומט אין מאַסן! ? 1/6 ? -/3 ? -/5 ? זײַט אין צײַט!


## א צאתכם לשלום פאר חבר און פריינט
## י. ריכטיקער און פרוי

צום אַפּפאָר קיין אמעריקע אונזער מיטאַרבעטער און פריינט י. ריכטיקער און פרוי זאָגן מיר א הארציקן צאתכם לשלום און מיר ווינטשן זיי אַז זייער אַרבעט לטובת אונזער פאָלק און זיין שרייבערישע טעטיקייט זאָל אינם נייעם ישוב נאָך טראָגן זאַפטיקערע פרוכט

רעדאַקציע **לשון און לעבן**

## מזל טוב

א הארציקן מזל טוב צו אונזער מיטאַרבעטער, דעם באַקאַנטן קריטיקער **לעא קעניג** און **פרוי** צום געבורט פון זייער ערשטן איינקל. מיר ווינטשן זיי צוזאַמען מיט דעם יונגן פאָר פאָלק, צו האָבן גרויס נחת פון דעם ניי־געבוירענעם קינד

רעדאַקציע **לשון און לעבן**

## א הארציקן מזל טוב

צו דער חתונה פון
**אפרים**
דעם יונגסטן זון פונם דיכטער
**בן-א סאַכאַטשעווסקי**

ווינטשן מיר א הארציקן מזל טוב ווי אויך זיין פרוי. זיי זאָלן האָבן נחת פון זייערע קינדער

**פריינט פון יידיש לשון**

## צו דער חתונה פון אבא לעווי

דעם זון פונם דיכטער
**יוסף הלל לעווי** און **פרוי**

ווינטשן מיר א הארציקן מזל־טוב, זיי זאָלן דערלעבן פיל נחת פונם יונגן פּאָר־פאָלק

**פריינט פון יידיש לשון**

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג | מערץ 1948 לאָנדאָן | **נומער 3** (העפט 98)


## א פורים-קטן מאַסקע שטאַט א לייט-אַרטיקל..

### 1 הינטער די קוליסן און א התנצלות פונם מחבר

אַז מ'איז קראַנק, אַז מ'איז שוואַך קריגן אַלע זאַכן שפּיציקע קאַנטן און שאַרפן און מ'שטויסט זיך אין זיי אָן, און מען נזיק'ט זיך אין זיי. און נאָך ערגער: אַלע זאַכן קומען באַלאַסטרע־ווייז, אויף איינמאָל. — ווי פון א שפּייַדבאַרג אַראָפּ! — מ'ווערט פון זיי אַרומגערינגלט און גענומען האָצקים. דער בלויזער פּראָפיל פון א זאַך קאָן זיך א דורכשטעכן מיט זיין שפּיציקייט, מיט זיין שאַרפקייט, און ערשט ווען זיין האַרטער קאַנט לעזט זיך טונקל אויף אין א געהיימעניספולן שאָטן... אַז נישט נאָר דיין בידנע שטיקל עולם הזה, נאָר אַלע ש"י עולמות, דיין גאַנצע עולם הבא קומט און שטעקט דיר אַרויס א לאַנגע צונג.

און דאָ רוקן זיך די טעג, — שרעקלעכע שוידערלעכע טעג! און שוין איז דאָ דער יום־כפור־קטן, דער פאַרמיטאָג, ווען די לייַנאָטיפּ־מאַשין וואַרט שוין אויסצוקלאַפּן איר מאָנאָטלעכן על־חטא-אַרטיקל... און צו אַלע צרות האָבן מיר נאָך היינט אַן עיבור־חודש, א ווײַ־אדר,—א 13־טן חודש צו אונזער קאָפּ! — באַטש גיי און שרייב אָן, אויף דער פוילער מינוט, א ווײַ־אַרטיקל אַנשטאָט א לייט־אַרטיקל.

עד באן די הקדמה און איצט קומט די התנצלות.

אויב די קולטור־אַרבעט און ליטעראַרישע טעטיקייט פון אונזער ישוב דאָ, איז א רויערנדיקע, פאַרוואָרצלטע און א וויקנדיקע אויף לעתיד, איז לעת עתה מער נאָך ווי צווייפלהאַפט, אָבער די הינטערקוליסן־אינטריגעס און די קינסטלער־אַמביציעס קיין עין הרע, קאָן מען שוין זיבער פאַרגלייכן מיט טלאָמאַצקי 13 . . . אויב נישט נאָך העכער!

און אויב ס'איז נאָך נויטיק לאָגיק פאַר פאַקטן, איז זי א פּשוטע: פאַר קולטור־אַרבעט מוז מען האָבן א האַראָפּאַשנע מאַסע, א דורשטיקייט נאָך קולטור. און פאַר שעפערישקייט איז קודם כל דער ערשטער באַדינג טאַלענט און ערלעכקייט; און אויף וויפיל עס פעלט אונז דאָ א סך אויס אין די אַקאָרשט דערמאָנטע דריי אַרטיקלען, האָבן מיר אָבער דווקא א גוטן באַרן און אויך די ריכטיקע באַדינגונגען דאָצו, וועלכע זיינען נויטיק פאַר איינרע־דעניש און פאַר לאַבוסעריי; אויף וויפיל די ערשטע דריי נויטיקע זאַכן פעלן דאָ אונז האָבן מיר א גרויסן איבערשוס אין די צווי לעצטע — האָבן מיר דערפאַר דאָ א סך „זשעני“ און ווייניק טאַלאַנט.

אפנים, ווי סקריפּטלט זיך אזוי יידלט זיך: ביי אונזערע רבנים דאָ